# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 105- Spring 1985 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/18f1v3fd

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 105(1)

**Publication Date**
1985

**Copyright Information**
Copyright 1985 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 105

פרילינג
תשמ״ה

SPRING
1985

אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
**מיר לאדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

**ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון**
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**

דניאל מאַלאַמעד, פּרעזידענט • בערנאַרד וויסבערג, דירעקטאָר
סיון האַמבורגער, ראַיאָן פאָרזיצער

## LABOR ZIONIST ALLIANCE

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS I. GUBKIN S. SCHLOSSER

469 N. Orlando, L.A. Ca. 90048

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*

337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ, S. ZUCKERMAN & J. SHAFER



Subscription price: $5.00 per year

# אינהאַלט

זייט


ה. לייוויק: דאָס ליד פון פרידן — 3
שמואל ווייס: פערציק יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — 4
א. לוריאַ / ניו־יאָרק: נייע לידער — 8
לילי בערגער / פּאַריז: געקומען פון יענער וועלט (דערציילונג) — 10
חנן קיעל / ניו־יאָרק: לידער — 18
הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק: לידער — 19
ישראל גובקין: י. ל. פּרץ — זיבעציק יאָר נאָך זיין פּטירה — 20
משה שקליאַר: פּרצלאַנד (ליד) — 23
שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק: סינטיאַ אָזיק — און די שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור — 25
שלמה שוואַרץ / שיקאַגאָ: לידער — 29
שיע טענענבוים / ניו־יאָרק: פיר לידער (פּאַרצייכענונג) — 31
איש יאיר / מאָנטרעאַל: בלאָזט שופר אויף אָפּצערן (ליד) — 38


☆

# אינהאַלט

(המשך)

זייט


אירה פּאַזי: מענטש אין ירידה, עליה און נצחיות — 40

מאַרטין בירנבוים / ניו־יאָרק: דריי לידער — 52

ס. נוטקעוויטש: די לעצטע וויזע, וואָס האָט געפירט צום לעבן — 54

רבקה קאָפּע / פּאַריז: פראַנצויזן (ליד) — 56

ר. פּאָזנער: אַ מענטש אין פּאַרק, איינער אַליין (מיניאַטור) — 56

משה עטינגער / ניו־יאָרק: דריי לידער — 57

חנן קיעל / ניו־יאָרק: אחד־העם אין ליכט פון אונדזער צייט — 58

חיים קעניגער / פּאַריז: לידער — 64

שואל גוטמאַן / יו־יאָרק: מיין ברודער בינעם לעדערמאַן ע"ה — 65

מ. ש.: אויפן ראַנד — 67

י. ש.: כראָניק פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב — 70

נייע ביכער — 72




די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

# חשבון

נומ. 105

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען



רעדאַקציע קאָלעגיע:
משה שקליאַר
שמואל ווייס
ישראל גובקין
זלמן שלאָסער

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פין. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גערשאָוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער



פערציקסטער יאָרגאַנג, נומער 105 • פרילינג 1985 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


ה. לייוויק

## דאָס ליד פון פרידן

די פעלדער ליגן אָפן,
די וועגן — אין געדריי —
איך זינג צו די אין־סופן
אין פוסטריט ווי איך גיי.
און ווינטן ווייען
אין זאַנגען־רייען
און דרעמלען איין אין זיי.

דאָס היי ליגט אָפּגעשאָרן
אין קופּעס אויפגעשאַרט,
און עלנט שטייט דער דאָרן,
אויף שניט זיך ניט דערוואַרט.
אין צער אויף דאָרן
ווי זאַנג פון קאָרן,
ווערט תפילהדיק און צאַרט.

די זון איז שוין פאַרגאַנגען
ווי אַלעמאָל אין צייט —
מיט פינגער צו דערלאַנגען
דאָס רויט פון מערב־זייט.
אָ, זע, ווי ס'ווערן
געבוירן שטערן
אין אויפגעלייזטער ווייט.

איך גיי צו די אין־סופן
מיט בערגלדיקן שליאַך —
כאַטש אַלע זאַכן שלאָפן
באַגלייט מיך יעדע זאַך.
די וועלדער שטייען
אין גלייכע רייען
אין נצחדיקער וואַך.

שמואל ווייס

# פערציק יאָר נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה

## (נאָטיצן פון אַ טראַגישער תקופה)

„מיט פערציק יאָר צוריק, אין אַ זונטיק, האָבן עטלעכע טויזנט דייטשע וועכטער פאַרלאָזט אוישוויץ, דעם טרויעריק-באַרימטן קאָנצענטראַציע-לאַגער, ווו פיר מיליאָן מענטשן, דער גרעסטער טייל יידן, זיינען סיסטעמאַטיש פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט דורך שווערער צוואַנג־אַרבעט, הונגער, קראַנקייטן, שיסן, איינ־שפריצונגען פון טויטלעכע סם־מעדיקאַמענטן אין זייערע קער־פערס און שפּעטער זיינען זיי פאַרברענט געוואָרן אין ספּעציעל אויסגעבויטע אויוונס.״

(פון דער פּרעסע)

דאָס איז געווען דער סוף פון דער מלחמה, פאַר די רעשטלעך לעבן־געבליבענע, האַלב־פאַרפייניקטע מענער און פרויען אין אוישוויץ. דערנענטערט האָט זיך דער סוף פון דער נאַצישער אָקופּאַציע אין איראָפּע. אָבער די צווייטע וועלט־מלחמה איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. קאַמפן זיינען נאָך אָנגעגאַנגען אויפן יאַפּאַנעזישן פראָנט, ווו די יאַפּאַנישע אַרמיי האָט געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד, ביז די אַטאָמי־שע באָמבע אין הירָאשימאַ האָט געמאַכט אַ טראַגישן סוף צו דער גרויזאַמער בלוטיק־סטער מלחמה אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן דעם ערשטן סעפּטעמבער, 1939. איינוווינער ביי די מערב־גרענעצן פון פּוילן האָבן יענעם פרימאָרגן פלוצים דערהערט דעם אויפ־רייס פון באָמבעס מיט וועלכע דייטשע עראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט זייערע שטעט און שטעטלעך. מענער און פרויען זיינען געפאַלן אין גאַס און באַלד באַגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות פון הייזער. דער קראַך פון אויפרייסנדיקע באָמבעס איז זינט דאַן געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג אין פּוילישע שטעט און אין פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, און ענגלאַנד און שפּעטער אין רוסלאַנד—אומעטום זיינען געפאַלן ציווילע בירגער, מענער פרויען און קינדער. ס'האָט אויסגעזען אַז דער מלאך־המוות האָט אויסגעשפּרייט זיינע פליגלען איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט.

ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט מיט פערציק יאָר צוריק, האָבן די פעלקער אין איראָפּע געציילט מיליאָנען צעבראָכענע לעבנס. מיליאָנען טויטע און פאַרווונדעטע און מיליאָנען חרובע הייזער. מיליאָנען קברים פון געפאַלענע סאָלדאַטן זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער לאַנדשאַפט אין איראָפּעישע שטעט.

מיר יידן האָבן פאַרלוירן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. פאַר דער מלחמה האָבן מיר געציילט קרוב צו 18 מיליאָן נפשות. נאָך דער מלחמה זיינען געבליבן בלויז 12 מיליאָן. יידן זיינען געפאַלן אויף אַלע פראָנטן און יידיש האָב און גוטס איז פאַר־ניכטעט געוואָרן אין די געדיכט באַפעלקערטע שטעט פון איראָפּע.

* * * * *

די צווייטע וועלט־מלחמה איז פֿאַרענדיקט געוואָרן אָן אַ שלום־אָפּמאַך. די קעמפֿנ־דיקע לענדער האָבן ניט פֿאָרמולירט קיין שום שלום־תּקנות. ס׳איז ביז היינט ניט געמאַכט געוואָרן קיין חשבון וואָס די וועלט האָט פֿאַרלוירן. היינט, נאָך פֿערציק יאָר, איז נאָך ניט קלאָר וואָס מען האָט געוווּנען.

אין זכּרון זיינען פֿאַרבליבן צייטונגס־נאָטיצן, סימבאָלן פֿון דער צייט:

... אין דער געטאָ אין וואַרשע האָט אַן אַלטער ייִד באַוויזן זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן אין אַ ווינקל פֿון אַ חרובער געביידע. ווען ער האָט דערהערט קולות פֿון מענטשן, אַזוי אַנדערש ווי די קאָמאַנדעס פֿון נאַציס האָט ער זיך אַרויסגעוויקלט פֿון די שמאַטעס אין וועלכע ער איז געווען איינגעוויקלט, אָפּגערייניקט דעם באַרג שטויב און ווען ער האָט געעפֿנט די אויגן און דערזען מענטשן, האָט ער זיך געוווּנדערט: „עס זיינען נאָך פֿאַרבליבן מענטשן אויף דער וועלט?“

... אין אַ וואַלד אין יאַפּאַן האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט פֿאַרלוירן זיין אָפּטיילונג און האָט ניט געקענט געפֿינען דעם וועג צו דער קאַזאַרמע. דערנערט האָט ער זיך מיט גראָז און ווילדע געוויקסן. ער האָט די גאַנצע צייט ניט געוווּסט, אַז די מלחמה איז פֿאַרענדיקט און ער האָט מורא געהאַט, אַז זיין קייסער וועט אים באַשטראָפֿן. האָט ער ניט געוואָלט אַרויס פֿון וואַלד. שפּעטער איז ער איבער־ראַשט געוואָרן צו קריגן אַן אויסצייכענונג פֿאַר זיין העלדישקייט...

... אין בערכטעסגאַדען, דייטשלאַנד, האָט מען אין אַ קעלער געפֿונען אַ פֿיגור פֿון אַ מענטש, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער „פֿירער“ פֿון דעם דייטשן הערן־פֿאָלק. זיכער איז מען ניט געווען. מען האָט געזאָגט, אַז דער געוועזענער שטובן־מאָלער פֿון עסטרייך איז אַנטלאָפֿן קיין רוים און ער האַלט זיך אויף אין אַ קאַטוילישן קלויסטער אונטערן שוץ פֿון דער קירכע, ווו ער ווערט אָפּגעהיטן, מחמת דער „הייליקער פֿאָטער“ האַלט, אַז אַ קירכע איז מחויב צו באַשיצן יעדן פֿאַרפֿאָלגטן קריסטלעכן ברודער...

## די שלאַכט ביי סטאַלינגראַד

די בלוטיקסטע שלאַכטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען פֿאָרגעקומען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און די אַנטשיידנדיקסטע שלאַכט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביי סטאַלינגראַד.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן געציילטע טעג נאָכדעם ווי פֿאָר־שטייער פֿון דער סאָוועטישער מלוכה האָבן אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד אין בערלין וואָס האָט כּלומרשט געדאַרפֿט פֿאַרזיכערן אַ שלום צווישן ביידע פֿעלקער. ס׳איז אַ סבֿרא, אַז די מלחמה וואָלט בכלל אויסגעבראָכן אָן דעם טרויעריק־באַרימטן סטאַלין־היטלער אָפּמאַך. די מיינסטע פּאָליטיקער אין דייטשלאַנד האָבן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געהאַלטן, אַז דייטשלאַנד האָט פֿאַרלוירן די מלחמה מחמת דאָס לאַנד איז ניט געווען אין שטאַנד צו קעמפֿן אויף צוויי פֿראָנטן אין דער זעלביקער צייט, אויף מערבֿ און אויף מזרח. דייטשלאַנדס סטראַטעגיע איז דעריבער, דאָס מאָל, געווען צו פֿאַרזיכערן זיך קעגן אַן אָנגריף פֿון דער מזרח־זייט. טאָ פֿאַרוואָס האָבן די נאַצי־גענעראַלן שפּעטער געביטן זייער סטראַטעגיע?

זייער וויניק מענטשן זיינען באַקאַנט מיט די פּרטים וועגן דעם, וואָס ס'איז אָנ־געגאַנגען אין בערלין יענעם טראַגישן חודש אויגוסט 1939, ווען ס'איז געשלאָסן געוואָרן דער סטאַלין־היטלער פּאַקט. נאַצי־דייטשלאַנד האָט משמעות לכתחילה ניט געפּלאַנט צו רעספּעקטירן דעם אָפּמאַך, אָבער סטאַלין האָט געטריי געליפערט אַמו־ניציע און שפּייז צו נאַצי־דייטשלאַנד ביזן 22סטן יוני 1941, ווען פונעם קלאָרן הימל האָבן דייטשע באָמבערס זיך אַ לאָז געטאָן אויף רוסישע שטעט און גענומען מאָרדן די רוסישע באַפעלקערונג. ס'איז אויסגעקומען אַז די סאָוועטישע מלוכה האָט געהאָלפן שאַרפן די שווערד מיט וועלכער נאַצי־דייטשלאַנד האָט שפּעטער געקוילעט אירע ביר־גער. ס'איז אַ לאַנגע טראַגישע געשיכטע, וועגן וועלכער עס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן איבער פופצן טויזנט ביכער.

די מלחמה אויפן רוסישן פראָנט איז געווען די בלוטיקסטע. די צוויי לענדער האָבן מאָביליזירט קאָלאָסאַלע גרויסע אַרמייען און די מאָדערנסטע קלי־זיין. ביידע טאָטאַליטאַרע רעזשימען האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין מענטשן־פליש. מען רעכנט אַז איבער צוואַנציק מיליאָן סאָלדאַטן זיינען געפאַלן אין די דאָזיקע שלאַכטן, אַחוץ פאַרווונדעטע און ציווילע בירגער. די דייטשן האָבן אַריבערגעוואָרפן דעם גרעסטן טייל פון זייער אַרמיי אויפן רוסישן פראָנט, ווו איבער צען מיליאָן דייטשע זעלנער זיינען אומגעקומען.

אַ גרויסער טייל מלחמה־קרבנות זיינען געווען ציווילע מענער, פרויען און קינדער, וועלכע די נאַציס האָבן מיט באַזונדער ווילדע אַכזריות געהרגעט. ס'איז ניט קיין וווּנדער וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געדענקט די צווייטע וועלט־מלחמה שטאַרקער ווי די אַנדערע באַטייליקטע לענדער. פאַר די רוסן איז עס געוואָרן אַ מלחמה צו פאַרטיידיקן זייער לאַנד קעגן אַ פרעמדער מאַכט, וואָס וויל פאַרנעמען זייער ערד. קליין און גרויס האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז אַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה קעגן אַ מעכטיקן שונא. ביזן הייַנטיקן טאָג איז אָט די שנאה טיף אין האַרץ פון יעדן רוסישן מענטש.

די יידישע באַפעלקערונג האָט געמאַכט אַ גרויסן ביישטייער צו דעם נצחון פון די סאָוועטן. עס זיינען פאַראַן זייער וויניק יידישע משפחות וואָס באַוויינען ניט איינעם אָדער צוויי טויטע אין דער מלחמה, הגם די אָפיציעלע פּאָליטיק פון קרעמל איז צו פאַרשווייגן דעם יידישן ביישטייער. בלויז פון צייט צו צייט רייסט זיך אַדורך אַ יידישער נאָמען פון אַ מלחמה־העלד. יידישע מאַסן־קברים פון דער נאַצישער מלחמה ווערן זעלטן דערמאָנט אפילו אין דער יידיש־סאָוועטישער פרעסע, מחמת דאָס איז קעגן דער אָפיציעלער פּאָליטיק פון דעם סאָוועטישן רעזשים. עס זיינען פאַראַן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צוויי יידישע אויסגאַבן: — דער „שטערן" אין ביראָ־בידזשאַן און „סאָוועט־טיש היימלאַנד" אין מאָסקווע, ווערט דאָרט זעלטן דערמאָנט די מאַרטירער־ראָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין משך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. מעגן מיר דאָ אויך דערמאָנען, אַז אין סאָוועטישע תפיסות ווערן היינט יידן געפייניקט בלויז פאַר וועלן אַרויספאָרן קיין ישראל.

# די גרינדונג פון דער יידישער מדינה

דעם 14טן מאַי, 1948, איז אין תל־אביב פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל. אָבער פריער נאָך, דעם 24טן נאָוועמבער, 1947 האָט די „פאַר־אייניקטע פעלקער־אָרגאַניזאַציע" (יו־ען) אנערקענט די אומאָפּהענגיקייט פון ישראל. סאָוועט־רוסלאַנד האָט, ווי אַ טייל פון דער „יו־ען" געשטימט פאַר אויפנעמען ישראל אין דער פעלקער־אָרגאַניזאַציע. היינט איז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד די אַנפירערין פון די העסלעכסטע העצעס קעגן ישראל, שטיצנדיק די צוריקגעשטאַנענע אַראַבישע לענדער אין מיטל־מזרח.

די יידישע מדינה איז געבוירן געוואָרן נאָך דעם צוזאַמענבראָך פון דער ענגלישער אימפּעריע, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָבער ענגלאַנד האָט ניט לייכט אויפ־געגעבן איר קאָנטראָל איבער פּאַלעסטינע, ווו זי האָט געפירט אַן אַכזריותדיקע פּאָלי־טיק קעגן יידישער אימיגראַציע. אפילו אין די לעצטע יאָרן פון דער מלחמה, ווען יידישע מענער און פרויען האָבן געשאַפן די „יידישע בריגאַדע" צו העלפן אינעם קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא, און ווען עמיגראַציע האָט געמיינט פשוט צו ראַטעווען יידישע לעבנס, האָט די ענגלישע מאַכט ניט דערלאָזט קיין איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע.

יידן האָבן מיט די בלויזע הענט און צעבלוטיקטע אברים דורכגעבראָכן די וואַנט פון דער ענגלישער מאַכט קעגן דער איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע און אַזוי אַרום געהאָלפן שאַפן דעם פענאָמען וואָס איז היינט איינע פון די דעמאָקראַטישסטע און מאָדערנסטע מלוכות אין מיטל־מזרח. מדינת ישראל איז געוואָרן דער מקום מקלט פאַר טויזנטער און טויזנטער יידישע משפחות וואָס זיינען אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זייערע היימלענדער און זיך גענייטיקט אין אַ פּלאַץ „ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן"...

זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין אַ פּערזענלעכע באַמערקונג:

מיין פרוי און איך האָבן פינף משפחות אין ישראל, אַלע ניצול־געוואָרענע פון דעם נאַצי־גיהינום. זיי האָבן שוין היינט אַכט קינדערלעך, צוויי יינגלעך און זעקס מיידלעך — צוקונפטיקע מאַמעס פון אַ נייעם סאַברע־דור. זיי זיינען אונדז אַלע אַזוי טייער מחמת זיי זיינען כמעט דאָס גאַנצע משפחה־פאַרמעגן וואָס איז אונדז געבליבן נאָכן חורבן. און אַזעלכע ווי מיר זיינען דאָך פאַראַן טויזנטער און טויזנטער יידן איבער גאָר דער וועלט.

היינט, פערציק יאָר נאָך דער מלחמה פייערט דער יידישער ישוב אין ישראל זיין אייגענעם יום־טוב, וואָס איז אויך דער יום־טוב פונעם גאַנצן יידישן כלל.

ישראל ראַנגלט זיך היינט מיט אַ סך פּראָבלעמען פון אויפבוי און פונאַנדערבוי צו קאָנען אַריינגעמען נייע וואַנדערער, וועלכע קלאַפּן אין איר טיר. אונדז זעט אויס, אַז די מדינה האָט צופיל דאָקטוירים פאַר דעם געזונט פון דער מדינה און צופיל רבנים און כלי־קודש פאַר איר גייסטיקן און עקאָנאָמישן גלייכגעוויכט. אירע פּאָליטישע פּראָבלעמען, אַ שוואַכע רעגירונג און אַ וואַקסנדיקע עקאָנאָמישע צערודערונג — זיינען צום טייל אַ רעזולטאַט פון איר אינערלעכער שוואַכקייט. אָבער די אַלטע יידישע געניאַליטעט און צופּאַסונג־פעיקייט וועלן איר האָפנטלעך העלפן גובר זיין די שווערי־קייטן. אינערלעכע אַחדות אין ישראל איז ניט ווייניקער נייטיק ווי שטאַרקייט אויפ־צוהאַלטן איר קיום און אַנטוויקלונג.

א. לוריא / ניו־יאָרק

# נייע לידער

## פסחדיקע כלים

פסחדיקע כלים.

דער טאַטע ברענגט אַרונטער די קוישן פונעם בוידעם
אין פאָדערהויז
וואָס איז ניט ענלעך אויף אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר.

מיר פאַקן אויס פון שטרוי:
דאָס לאָקערן פון געגנבעטן אפיקומן ביי רבי אלעזרס טיש אין בני־ברק,
דאָס שאַרכען פון פאַראַיאָריקע אויסגעשפּילטע ניס,
און דעם טויט־שרעק ביים בלוט־בילבול ערב דעם פּאָגראָם
וואָס מיר האָבן אָפּגעשריגן אויפן בית־החיים.

עס מיניען זיך און פינקלען
ווי זונען־פאַרבן
די כוסות פון געוואָרענע בני חורין.

פון אונדזערע קליידער
טריפט
און טריפט
אויפן פסחדיקן דיל
די ראָפּע פון דער אָפּגעקערטער ים־סוף־כוואַליע
פון איבער דרייסיק יאָרהונדערטער צוריק.

* * * * *

איך דעם שיינעם חודש מאַי פון 1985 וועלן מיליאָנען מענטשן פייערן דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. טויזנטער און טויזנטער פרויען וועלן מיט פאַרווייינטע אויגן טראָגן בינטלעך בלומען אויף די קברים פון זייערע געפאַלענע מענער, זין און טעכטער. און אַ סך מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער, ראַסן און נאַציאָנאַליטעט אָפּשטאַמונג וועלן זיך ווידער פריינדלעך באַגעגענען, אָבער איבער זייערע קעפּ וועט הענגען דער פרעג־צייכן — פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט מען געמוזט פאַרגיסן דאָס בלוט פון אַזוי פיל מיליאָנען מענטשן?

## סוף-זומער

דער זומער איז געווען אַ לאַנגער,
מיט הויכער זון
און מיט געבענטשטע רעגנס
און אָפטע רעגנבויגנס און בליצן.
די שייערס ברעכן זיך פון תבואה,
די שטאַלן — ענג פון לעמעלעך און קעלבער.

איך זיץ אין שאָטן פון אַלטן עפּלבוים,
וואָס איז איצט צווייג אויף צווייג מיט עפּל אָפּגעשאָטן.

ער איז פון לאַנגן זומער זאַט
און ניט פאַרבליבן פון אים אַ האָר געגנאַרט.
און אויכעט איך,
אויך איך דאָ אין זיין וויכן שאָטן
בין ביז די ברעגן פול פון אַלץ.
מיר וואַרטן ביידע.
מיר ביידע זיינען איצטער גרייט
צום שטילן אָנקום פון גוטן האַרבסט.

## דער ווינטער הײַנט איז אָן אַ סוף

דער ווינטער היינט איז אָן אַ סוף.
עס שנייט
און שנייט.
אַ נאַקעט פעלד זיך ציט אין ווייט.
ווייט.
אומענד.
קיין מינדסטער שפור.
ווייסקייט.
בלענד.
עס שנייט

און שנייט.
און צווישן איין שניי און דעם צווייטן—
אַ שאַרפע זון:
הויל,
אָן שטראַלן.

אָ, גאָט,
אין זאָט דער לויטערקייט
באַשער מיר
ווערן
דאָ פאַרפאַלן.

## פאַרנאַכט

דער טאָג פאַרגייט.
אויף בלאַנקע קאָסעס זינגענדיק די שניטערס
פון פעלד די זון אין גרינעם דאָרף אין פלאַמען פירן.
אין הייסן זאַמד די שאָטנס יאָגן־נאָך די רעדער,
און ניט־דעריאָגט צערינען זיי אין שטויבן.

לילי בערגער / פּאַריז

# געקומען פון יענער וועלט

(דערציילונג)

כ'האָב דערפילט אויף זיך בליקן, אויגן, וואָס אָבסערווירן מיך, עסן זיך איין אין מיר. כ'האָב אָפּגערוקט דאָס טעפּל מיט דער נישט פאַרענדיקטער קאַווע, אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער צייטונג. אַנטקעגן מיר, ביי אַ באַזונדער טישל איז געזעסן אַ פרוי און שטאַר געקוקט צו מיר. צי קען זי מיך? צי קען איך זי? זי האָט מיר פון ווייטנס געשאָנקען אַ פריינדלעכן שמייכל. אינעם שמייכל האָט געשטעקט עפּעס אַ פאַרבאַרגעניש. איך האָב אויך אַ שמייכל געטאָן ווי איך וואָלט אַ געהיימער שותּף געווען צו דער פאַרבאַרגעניש.

אין דרויסן האָט געגאָסן אַ האַרבסטיקער רעגן. גראָבע טראָפּנס האָבן געקלאַפּט אין די ברייטע שויבן פון די קאַפע־פענצטער. כ'האָב געוואָנדן די אויגן צו די פענצטער, באַטראַכט אַ ווילע דעם רעגן, וואָס האָט אין דעם מאָמענט פאַרשטאַרקט זיך און אַ גאָס געטאָן ווי מיט צעבערס; באַטראַכט דעם עולם, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אונטערן ברייטן קאַפע־דעכל. די בליקן פון דער אומבאַקאַנטער זענען כסדר געווען אָנגעהאַנגען אין מיר. איר מויל האָט ווייטער אומעטיק געשמייכלט. מיט אַמאָל האָט זי זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעריסן זיך פון טישל, דערנענטערט זיך צו מיר:

— דערקענסט מיך נישט, האַ?

כ'האָב זי בליץ־שנעל באַטראַכט: אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט אַ קאָפּ העל־בלאָנדע לאָקן, ווי זי וואָלט איצט נאָר וואָס פון פריזיר־אַנשטאַלט אַרויס. אַ בלאָנדער קאָפּ האָר און אַ פאַרעלטערט פּנים. אַזוי פאַרעלטערט איז מען נישט נאָר פון יאָרן נאָר אויך פון אומעט.

— דאָס פּנים איז מיר באַקאַנט, אָבער איך דערמאָן מיך נישט...

דער שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבערן געזיכט, אָבער דער אומעט אין די אויגן איז אינטענסיווער געוואָרן.

— איך בין מאַרי, מרים... איך האָב דיך באַלד דערקענט.

— מאַרי? מרים?? וועלכע מרים? כ'האָב אַמאָל געקענט עטלעכע...

— מאַרי וואָלפסאָן, היינט גליקמאַן; מיר זענען צוזאַמען.... אויך געווען אין דער זעלבער צייט אין דער קליניק, דו האָסט געבוירן אַ טעכטערל, איך אַ זונעלע.

כ'האָב זיך האַסטיק אָפּגעריסן פון אָרט, אַרומגענומען זי. מיר האָבן זיך צעקושט.

— כ'האָב זיך זייער געענדערט, וואָס?

כ'האָב זי געוואָלט טרייסטן:

— ניין, ניין, אַ ביסל בלויז, נאָר די האָר, צוליב די האָר דיך נישט דערקענט. האָסט געהאַט פעך־שוואַרצע לאָקן, צו

---

די סטאַדע קי קערט זיך פון דער פּאַשע
מיט אָפּגעקילטע שטראַלן אויף קרוינען פון די הערבער.
זיי טרעטן קלאַנגלאָז ווי די מרגלים פונעם אויסשפּיר
מיט הענגלעך זומער פון שפּעדיקע ווייטן.

דער טאָג זיין שיין האָט אויסגעלאָשן. און ס'ווערט דער הויף
ביז סאַמע שפּיץ פון טאָפּאָל מיט חשכות אָנגעגאָסן.
דער הימל לייגט זיך וואָרעם אויף די דעכטער,
און מאַמעס דורך די וואָלקנס טראָגן קאַנען נאַכט
צו זיך אין שטוב, און ביי דער שיין פון פּעכקן קיין
זיי גיסן־אָן ווי מילך עס פאַר די האַלב־שלעפערדיקע קינדער.

וועלכע אַ פּריזירער האָט זיך קיינמאָל נישט צוגערירט, און איצט אַ בלאָנדע, עלעגאַנט פאַרקעמט.

— איצט האָב איך גרויע האָר, דער בלאָנד פאַרשטעלט דעם גרויען קאָליר.

— דער קאָליר פון די האָר האָט זיך זינט דעמאָלט ביי אַלע געענדערט. וויפל יאָר איז דאָס שוין?

— אויב רעכענען זינט דער שטורמישער צייט, וועט אין גיכן ווערן פערציק יאָר. נאָר נישט ביי אַלע איז פערציק יאָר גלייך. דערמאָנסט זיך אונדזערע וויזיטן אין די רוּאַי קאָשאַרן? דערמאָנסט זיך יעפּימען?

איך האָב מיך דערמאָנט, נאָר אויסגעמיטן צו פרעגן וועגן אים, בעסער נישט אָנרירן אַן אַלטע וווּנד. אפשר נאָך אַלץ נישט פאַרהיילט? אפשר נאָך נישט פאַרגעסן? אויב יאָ, פאַרוואָס דערמאָנט זי אים? בעסער אָפּקערן דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט איינע אַנטקעגן דער אַנדערער.

— דיינע עלטערן וואָס מאַכן? אַזוי לאַנג נישט געהערט וועגן זיי, וועגן דיר...

מיין טאַטע געשטאָרבן מיט צען יאָר צוריק. מיין געשיכטע האָט אים געהאָט פאַרביטערט דאָס לעבן, אפשר פאַרקירצט די יאָרן? האָט באַקומען אַ קראַנק האַרץ. די מאַמע האַלט זיך גוט, לעבט אין ישראל. געוואָרן 80 יאָר און מאַכט נאָך רייזעס פון ישראל קיין פּאַריז און צוריק, קומט זען דאָס אייניקל, די אוראייניקלעך.

אוראייניקלעך? אַ יאָ, דיין זון איז אַזוי אַלט ווי מיין טאָכטער.

— ער האָט צוויי קינדער, האָט מיין מאַמע צוויי אוראייניקלעך. געדענקסט איליאַן?

— איך וואָלט אים זיכער נאָך וויניקער דערקענט ווי דיך.

זי האָט זיך צעלאַכט. אין איר קרינגענדיקן געלעכטער האָב איך זי ערשט אויף אַן אמת דערקענט. נישט נאָר איר קלינגענדיק געלעכטער נאָר אויך דאָס פּנים טיילוויז דערקענט. לאַכן מאַכט אַ מענטשן יינגער.

— איך וואָלט דיין טאָכטער זיכער אויך נישט דערקענט, כאָטש איך געדענק זי ווי אַ דערוואַקסן מיידעלע. אָבער נישט בלויז אַ קינד, ווען ס'ווערט דערוואַקסן דערקענט מען נישט, נאָר זעט אויס אַ דערוואַקסענעם נאָך אַ דריי צענדליק יאָר איז שווער צו דערקענען. אַט האָסטו מיך אין גאַנצן נישט דערקענט. איך שטעל מיך פאָר ווי דו וואָלסט יעפּימען נישט דערקענט.

ס'איז מיר געוואָרן אי פריקרע, אי נישט פאַרשטענדלעך. פאַרוואָס דערמאָנט זי שוין צום צווייטן מאָל יעפּימען? האָט זי נאָך אַלץ אים נישט אַרויסגעריסן פון האַרץ? האָט זי דען מיר נישט געהאַט געזאָגט, אַז אַ טויטן פאַרגעסט מען? כ'האָב אַ ווײַלע געקוקט אויף איר שווייגנדיק, ווי איך וואָלט אין איר געזיכט געזוכט אַ באַשייד פון אַ רעטעניש. זי האָט איבערגעריסן מיין שווייגעניש, ווידער מיר צוגעוואָרפן אַ פראַגע:

— געדענקסט אונדזערע וויזיטן אין די רוּאַי־קאָשאַרן?

— אַ שאלה צי כ'געדענק, פאַראַן זאַכן וואָס מען פאַרגעסט קיינמאָל נישט; ס'איז געוועזן פאַר אונדז כמעט אַ פאַרזעצונג פון אונדזער אַנטייל אין דער ווידערשטאַנדבאַוועגונג.

זי האָט זיך פאַרטראַכט, ווי מיינע ווערטער וואָלטן נישט דערגאַנגען צו איר. אַט זיצט זי פאַר מיר אַ פאַרזונקענע אין טראַכטענישן מיט די עלנבויגנס אויפן טישל, דעם קאָפּ אָנגעשפאַרט אויף די הענט. קוקנדיק אויף איר זענען מיר בליץ־שנעל דורכגעלאָפן די געשעענישן מיט קאַרגע פערציק יאָר צוריק: ס'איז נאָך דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך. ווייט אויף מזרח פון לאַנד גייט נאָך אָן די מלחמה קעגן די היטלעריסטישע אַרמייען. אָבער אין פּאַריז געפינען זיך שוין עטלעכע צענדליק סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע איינגעקוואַרטירטע אין די רוּאַי־קאָשאַרן. מ'האָט זיי געבראַכט פון לאַגער פון אַ פראַנצויזישן מזרח־געביט, וואָס היטלער האָט געהאַט באַצייטנס איינגעגלידערט אין דייטשן רייך און ווו די לאַגערניקעס האָבן געאַרבעט 12־14 שעה אין טאָג אין די רייכע אייזן־גרובן.

מיר, אַ גרופּע יונגע ווידערשטענדלערינס, דערוויסנדיק זיך וועגן די געבראַכטע סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע, האָבן

קודם זיי אָפּגעשטאַט אַ וויזיט און דערזעענדיק זייער מצב געוואָרן זייערע אַפּוטרופּסים. איין קלייניקייט, זיין אַפּוטרופּסים פון סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע! בפרט זיי זענען געווען אויסגעבלאַסטע, אויסגעמאָגערטע, הויט און ביין. היינט זייער הולך! אין פּאַריז איז נאָך אַלץ געווען אויף שפּייז־קאַרטן, אָבער מיר האָבן איינגעלייגט וועלטן צו געפינען צוגאָבדערנערונג פאַר די אויסגעמאָגערטע, פאַרהונגערטע, סאָוועטישע געוועזענע קריגס־געפאַנגענע.

צווישן זיי האָט זיך אונדז געוואָרפן אין די אויגן אַ יונגער חברהמאַן, אַ הויכער, פעסט־געבויטער, אויף וועלכן די דייטשע געפאַנגענשאַפט האָט געהאַט ווייניקער שליטה ווי אויף זיינע גורל־חברים. זיין מזל איז געווען וואָס ער איז אַן אַרכיטעקט; די דייטשן האָבן זיך גענייטיקט אין זיינע קענטעניש און נישט געשיקט אים אין די גרובן. זיינע געדיכטע שאַטינע טשופּרינע האָט צומאָל נישט געליטן ווי די האָר ביי די אַנדערע, קורץ־געשוירענע אָדער אויסגעקראָכענע. ער, דער איינציקער, האָט אויך גאָרנישט שלעכט גערעדט פראַנצויזיש.

וואָס פאַר אַ מאַטערניש דאָס איז געווען זיך צו פאַרשטענדיקן אויף רוסיש מיט די אויסגעמאַטערטע, אַפּאַטישע יונגע מענטשן ווען דער „בלוי־אויגיקער“, ווי מיר האָבן אים גערופן, איז נישט געווען. כ׳האָב זיך געבראָכן די ציין אויף מיין קאַליעטשעטן רוסיש אויסצופרעגן און דערגיין וואָס וועמען איז נייטיק. מאַרי, די „קראַסאַוויצע“, ווי זיי פלעגן זי רופן, די יינגסטע פון אונדזער חברותא, פלעגט קייכן פון געלעכטער בעת אונדזערע שמועסן פון וועלכע זי האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. ווי גיך ס׳האָט זיך געיאַוועט דער „בלויאויגיקער“ זענען אַלע שמועסן אַוועק כשורה. אָבער ער, דער איינציקער, איז אָפּט געגאַנגען אַ קוק טאָן אויף פּאַריז בעת די אַנדערע האָבן די ערשטע צייט קיין כוח נישט געהאַט צו שפּרייזן איבער דער שטאָט. צו דער דערשעפּונג איז צוגעקומען אַ מין אַפּאַטישקייט.

דער שיינער, בלויאויגיקער בחור איז גיך היימיש געוואָרן מיט אונדז. צום היימישסטן מיט מאַרי.

— איך הייס יעפים פּאַוולאָוויטש אַזאַרטשיק, נאָר רופט מיך ביי מיין ערשטן נאָמען — יעפים. און איר? ווי רופט מען אייך?

ווען ער איז צוגעקומען צו מאַרי האָט ער אָנגעהאָנגען אויף איר די בלויע אויגן און מיט אַ שטימע, וואָס האָט געקלונגען אי ליבלעך אי אומעטיק, געפרעגט:

— און אייך ווי רופט מען?

— מאַרי! — און זי האָט, ווי איר טבע איז געווען, אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— מאַרי, ס׳שטאַמט מסתמא פון מרים...

— מיינע עלטערן רופן מיך מרים.

— מרים, מרים, וואָס פאַר אַ שיינער נאָמען, אַ ביבלישער נאָמען.

— איר קענט די ביבל? — האָט ווער פון אונדז געפרעגט.

— פאַרוואָס דען נישט? איך בין אַ ייד, געלערנט די ביבל אין אָריגינאַל; מיין מוטער האָט דורכויס געוואָלט איר איינציקער זון זאָל זיין באַקענט מיט יידישן וויסן.

— מיר זענען אויך יידישקעס — האָט טערעז אים צוגעוואָרפן.

— כ׳האָב פאַרשטאַנען, באַלד פון אָנהייב פאַרשטאַנען, בפרט איר האָט געזאָגט אַז אייערע עלטערן שטאַמען פון פּוילן. מיין פאָטער שטאַמט אויך פון פּוילן, געווען פאַרשיקט אויף סיביר פאַר די צאַרישע צייטן, געווען דעמאָלט אַ סטודענט, געענדיקט אַרכיטעקטור ערשט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע; מיין מוטער, אַ דענטיסטין, שטאַמט פון אַ טראַדיציאָנעלער יידישער משפּחה.

* * * * *

אין געציילטע טעג זענען מיר מיט יעפימען געוואָרן אַזוי היימיש ווי מיר וואָלטן זיך געקענט פון לאַנגע יאָרן. אָבער אונדזערע באַגעגענישן האָבן צו לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, חוץ... חוץ מיט מאַרי־מרים. אונדזער אַפּוטרופּסות איבער די סאָוועטישע געוועזענע קריגס־געפאַנגענע האָט געדויערט בלויז עטלעכע וואָכן. דאָס נאָכמלחמהדיקע לעבן אין פּאַריז האָט זיך אַלע מאָל מער סטאַביליזירט. ס׳איז געווען ווער זיך צו פאַרנעמען מיט זיי. מיר, די צייטווייליקע אַפּוטרופּסים, האָבן זיך אומגעקערט צו אונדזערע באַשעפטיקונ־

גען. אויך די קוים ניינצן־יאָריקע מאַרי־מרים האָט זיך אומגעקערט צו דער שולע פון דעקאָראַטיווער קונסט, וואָס זי האָט בעת דער אָקופּאַציע געמוזט פאַרלאָזן. יעפים האָט זי אָבער איצט נישט פאַרלאָזט, נאָכגעגאַנגען איר ווי אַ שאָטן, אָפּגעוואַרט ביי דער שול, צוגעשטאַנען אים פאָרצושטעלן פאַר אירע עלטערן, געוואָרן אַן אַיינגייער אין זייער שטוב, אַן אייגענער. טאַטע־מאַמען איז דער בחור שטאַרק געפעלן. צו אַלע זיינע מעלות איז ער דאָך אַ סאָוועטישער מענטש, פונעם לאַנד צו וועלכן זייערע אויגן זענען געווען געוואַנדן מיט פאַרערונג און ליבשאַפט.

פאַר מאַרי האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. זי האָט לאַנגע חדשים געטיילט דעם טאָג צווישן דער שולע און יעפימען. די זונטיקן, אַנדערע פרייע טעג פון דער שולע האָט זי געוואַנדערט מיט יעפימען איבער פאַריזער מוזייען, גאַלעריעס, אָפּגעשטאַט וויזיטן אין קאַפייען. די בת־יחידהלע, מרימל, דער מאַמעס אויג אין קאָפּ, איז געוואָרן אַ גאַסט אין שטוב.

— מרימל, קומסט דאָך אַלע מאָל שפּעטער אין אָוונט אַהיים.

— מאַמע, איך ווער אַלע מאָל עלטער, דו אין מיין עלטער ביסט שוין געווען אַ כלה־מיידל.

— איך און דער טאַטע האָבן גאָרנישט דאַקעגן דו זאָלסט זיין אַ כלה־מיידל, אָבער אַ שטוב איז אַ שטוב.

— מאַמע, איך מיין עלטער האָסטו דיך געגרייט צו ווערן אַ מאַמע...

— אָבער מיינע עלטערן האָבן געקענט דיין טאַטן, איך בין געווען זיין פרוי.

— דו קענסט אויך דעם טאַטן פונעם קינד וואָס איך וועל האָבן. מיר האָבן זיך צוגעזאָגט... איך האָב אים צוגעזאָגט צו ווערן זיין פרוי.

קיין סקאַנדאַל איז אין שטוב נישט אויסגעבראָכן. יעפים איז אויף צומאָרגנס געקומען און געבעטן די עלטערן צו ווערן זייער איידעם. ווי גיך ער וועט זיך אומקערן אין זיין לאַנד, וועט ער אַלץ דערליידיקן מרים זאָל קומען צו אים. ער האָט אויסגעמשלט די עלטערן דאָס גליקלעכע לעבן וואָס דערוואַרט דאָרט זייער טאָכטער. זי וועט נישט דאַרפן אַרבעטן צו פאַרדינען, וועט ווייטער שטודירן, ער פאַרדינט ווי אַ הויפּט־אַרכיטעקט גענוג אויסצוהאַלטן אַ משפחה. וואָס? אַ קליין קינד? ער וועט נעמען צום קינד אַן אַם. וואָס? ווייט פון די עלטערן? ביי זיינע עלטערן איז ער אַן איינציקער זון, וועט מרים זיין זייער איינציקע טאָכטער. ניין, ניין, ער נעמט פון זיי נישט אַוועק זייער טאָכטער, זיי וועלן קומען צו איר ווען זיי וועלן וועלן. וואָס? זיי זאָלן חתונה האָבן? אַדרבא, ער האָט שוין מיט מרימען גערעדט דערוועגן. נישט אים, נישט מרימס עלטערן איז נייטיק צו גיין צום רב, צו שטעלן אַ חופּה, גענוג צו גיין אין דער „מעריי".

די מלחמה האָט זיך געענדיקט. פינף וואָכן נאָך דער חתונה איך דער „מעריי" איז יעפים אָפּגעפאָרן צוזאַמען מיט עטלעכע צענדליק געוועזענע קריגס־געפאַנגענע אין זיין היימלאַנד. אַ גוטער טוץ מענטשן האָבן אים באַגלייט, נייע משפחה־מענטשן, די געוועזענע רעזיסטאַנטלערינס, די ערשטע אַפּוטרופּסים פון די קריגס־געפאַנגענע. מרים האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף דער צוגעזאָגטער טעלעגראַמע. קיין טעלעגראַמע איז נישט געקומען. אפשר האָט דער צוג זיך ערגעץ פאַרהאַלטן? ס'איז פאָרט נאָך מלחמה. ער האָט אויך צוגעזאָגט צו קלינגען. יעדן אָוונט, ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען, איז מאַרי געלאָפן כאַפּן דאָס טרייבל. ניין, נישט יעפים. זאָל דאָס מעגלעך זיין קייך טעלעגראַמעס זאָלן נאָך נישט אָנגענומען ווערן, דער טעלעפאָן מיט אויסלאַנד זאָל נאָך נישט פונקציאָנירן? אפשר געשען מיטן צוג אַן אומגליק? די ראַדיאָ וואָלט דאָס איבערגעגעבן, ס'איז אַן אַליאירט לאַנד. אפשר אַן אומגליקס־פאַרפאַל אויפן אָרט? ניין, מ'דאַרף נישט צולאָזן אַזעלכע געדאַנקען. די מלחמה האָט דאָרט אָנגעמאַכט אַ סך צעשטערונגען, ווער ווייסט אויף וואָס פאַראַ שוועריקייטן ער טרעפט זיך אָן צו געבן צו וויסן וועגן זיך.

די טעג, די וואָכן האָבן זיך געצויגן מוראַדיק לאַנג, דאָס לערנען איך דער שולע איז מרימען נישט געקראָכן אין קאָפּ. זי האָט מורא געהאַט צו קוקן די

עלטערן אין די אויגן נישט אָנצוטרעפן זיך מיט זייער אומרו. זי האָט טעלעגראַפירט צו יעפּימס עלטערן. קיין ענטפער איז נישט געקומען. זי האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח און געשריבן צו זיי אַ בריוו, אַ רעקאָמענדירטן. דער בריוו איז נאָך עטלעכע וואָכן צוריקגעקומען. צי האָט יעפּים פאַרלוירן זיין היים, זיינע עלטערן? אין אַ מלחמה קאָן אַלץ געשען. אָבער ער האָט זיך געלאָזט אין זיין היימלאַנד נאָך דער מלחמה. נישט אַנדערש נאָר אַן אומגליקס־פאַל. מ׳קאָן גיין אויפן גאַס און דערהרגעט ווערן. געשעט דען נישט, אַז אויף אַ מענטשן פאָרט אָן אַ לאַסטוואָגן? ווי אַזוי זיך דערוויסן, ווי אַזוי דערגיין וואָס ס׳איז געשען מיט יעפּימען? אָנשטאָט אַ ידיעה פון אים, וועגן אים, איז דערווייל געקומען אויף דער וועלט זיין קינד. פיר חדשים נאָך יעפּימס פאַרלאָזן פּאַריז.

וועמענס נאָמען זאָל זי געבן דעם קינד? ניין, זי וועט נישט געבן דעם נאָמען פון פאַרשווּנדענעם טאַטן, זי טראָגט נאָך אויך נישט איר מאַנס נאָמען, נישט געביטן די אידענטיטעט־קאַרטע. בעסער איר קינד זאָל טראָגן איר מיידלשן נאָמען. דעם ערשטן נאָמען האָט די באָבע געהאַט אַ פאַרטיקן — איליטש. ס׳וועט איר פאַרגיטיקן אַלע עגמת־נפשן. די יונגע מאַמע איז אויף דעם אויך נישט איינגעגאַנגען. באָבע און מאַמע האָבן געמאַכט אַ פּשרה: איליאַ, כמעט אַ העלפט פון איליטש...

* * * * *

ס׳זענען אַוועק יאָרן, די באָבע האָט מיט געטריישאַפט געהאָדעוועט דאָס אייניקל. מאַרי האָט אַוועקגעוואָרפן די שולע און אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַריזער פאָרשטאָט אַלס ביבליאָטעקאַרין אין אַ גרויסער מאָדערנער מוניציפּאַלער ביבליאָטעק. ניין, ביי דעקאָראַטיווער קונסט וועט זי מער נישט קאָנען אַרבעטן, דאָס דערמאָנט איר צופיל יעפּימען. ווי אַן אַרכיטעקט האָט ער ליב געהאַט דעקאָראַטיווע קונסט. זיי האָבן צופיל בעת באַזוכן גערעדט דערוועגן. זי מוז איבעררייסן אַלע פעדים, וואָס האָבן געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט אים, וואָס האָבן איר דערמאָנט אין אים. זי האָט פאַרלוירן איר ערשטע גרויסע ליבע און זי מוז זיך באַפרייען פון אַלץ, וואָס מאַכט איר טראַכטן וועגן איר.

מאַרי איז געוואָרן אַ שווייגנדיקע, אַ באַזאַכטע און ווי אַ פאַרוווּנדעט פייגעלע מיט צעבראָכענע פליגעלעך געניטיקט זיך אין אַ שטילע, זיכערע נעסט. זי האָט דאָס געפונען ביים הויפּט־דירעקטאָר פון דער גרויסער ביבליאָטעק, אַ יונגער, אייגעפּונדעוועטער אַלמן, וואָס איז נאָך עטלעכע יאָר געוואָרן איר מאַן, גענומען צו זיך איר קינד, אים געגעבן זיין נאָמען. אַזוי האָט איליאַ באַקומען אַ גוטן טאַטן, וועגן אַן אַנדערן טאַטן האָט ער זיך קיינמאָל נישט דערוווּסט. ווי מען רעדט נישט אין אַ שטוב פון אַ געהאָנגענעם וועגן אַ שטריק, אַזוי האָט מען קיינמאָל נישט גערעדט, אויסגעהיט זיך מיט עפּעס וואָס צו דערמאָנען וועגן איליאַס אמתן טאַטן. יעפּים איז פאַרבליבן מאַריס אויסבאַהאַלטענע רעטעניש, מאַריס גרויסער סוד.

זינט מאַריס צווייטן מאָל חתונה האָבן אין אַ „מערי”, ווו דער צוקונפטיקער מאַן האָט געהאַט אַן אָפענע טיר און באַוויזן פאַרצושטעלן מאַרי אַלס אַלמנה, האָב איך זי פאַרלוירן פון די אויגן. אונדזערע וועגן זענען זיך צעגאַנגען. פון צייט צו צייט געהערט בלויז, אַז דער זון איז אויסגעוואַקסן אַ שיין, פעסט־געבויט בחורל, נישט ענלעך נישט צו דער מאַמען, נישט צום טאַטן.

* * * * *

איצט זיצט פאַר מיר די מאַמע, די באָבע פון צוויי אייניקלעך און פרעגט מיך מיט אַ באַטריבטער שטימע צי איך געדענק יעפּימען. איך מייד אויס עפּעס וואָס צו פרעגן וואָס האָט אַ שייכות צו אים, פרעג נישט צופיל וועגן זון אויס מורא נישט דורכצופאַלן מיט אַ וואָרט וועגן זיין אמתן טאַטן און אָט גיט מאַרי אַ זאָג:

— ווייסט, כ׳האָב היינט לאַנג גערעדט מיט יעפּימען...

כ׳בין געווען אַזוי איבערראַשט, אַז כ׳האָב נישט קאָנטראָלירט מיינע ווערטער:

— וואָס רעדסטו? יעפּים לעבט דאָך נישט...

צווישן מאַריס ליפּן האָט זיך באַוויזן

אַן אומעטיק־איראָנישער שמייכל. ס׳איז געווען מער אומעט ווי שמייכל:

— געקומען פון יענער וועלט...

זי האָט אָבער באַלד צוגעגעבן:

— אַז כ׳האָב גערעדט מיט אים, לעבט ער דאָך. מיט קיין טויטן קאָן מען נישט רעדן. די טויטע קומען נישט אונדז אָפּ־זוכן.

מאַרי, מיר האָבן זיך נישט געזען, נישט געהערט פון זיך אַזוי פיל יאָרן, איך בעט דיך, רעד דייטלעכער, איך פאַרשטיי גאָר־נישט.

— איך האָב אויך אַלע יאָרן גאָרנישט פאַרשטאַנען, כאָטש די לעצטע יאָרן גע־פּרוּווט שטילערהייט זיך אָנשטויסן וואָס ס׳האָט געקאָנט געשען. איצט איז מיר אַלץ קלאָר געוואָרן.

— וואָס איז דיר...? וואָס קלאָר געוואָרן?

— וואָס ס׳איז געשען מיט יעפימען, מיט זיינע גורל־חברים, זינט דעמאָלט

כ׳האָב נישט געפרעגט ווי, מאַרי האָט אַליין דערציילט:

ווען זיי זענען אַריבערגעפאָרן די גרענעץ: מ׳האָט די געוועזענע סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע גלייך אַרעסטירט און פאַר־שיקט. ווייסט ווו יעפים איז געווען אַלע יאָרן?

— געווען אין וואָרקוטאַ. ווייסט ווו דאָס איז? אין קאָלימאַ, אין פאַרשידענע שטראָף־לאַגערן פאַר קעגנשטעלן זיך די אוממענטשלעכע אַרבעטן. וואָסערע? אין קאַראַגאַנדע געווען אַ קוילן־גרעבער, בריווקעסטל פאַר שפּיאָנאַזש. נישט ווי אַ קוילן־גרעבער אין פראַנקרייך, געשטאַנען ביז די קני אין וואַסער; אין קאָלימאַ געהאַקט וועלדער ביי 39 גראַד פראָסט, אין וואָרקוטאַ... וואַרט, וואַרט, כ׳האָב שוין פאַרגעסן, דוכט מיר מ׳האָט דאָרט געבויט באַן־ליניעס, איך געדענק שוין נישט גענוי. ער האָט דערציילט און מיר האָט זיך געמישט אין קאָפּ. מיינסט ער האָט פון דאָרט נישט געשריבן צו מיר? געשריבן, געשריבן, נישט איין מאָל געזעסן אין קאַרצער פאַר זיינע בריוו, לסוף צוגעטשעפּעט אים אַ פּראָצעס פאַר שפּיאָנאַזש. אויב ער שרייבט בריוו קיין פראַנקרייך האַלט ער אַן שפּיאָנאַזש־פאַר־בינדונגען. איך האָב געוואָלט זיין זיין

צוזאַמען מיט די ערשטע פופצן יאָר האָט עס אויסגעמאַכט 25 יאָר לאַגער. אַ נס וואָס די לעצטע יאָרן האָט מען זיך אין נאָוואָסיבירסק געניטיקט אין אַרכי־טעקטן, אָבער אויך דאָרט נישט געווען קיין פרייער מענטש. די שטאָט האָט זיך פונאַנדערגעבויט מיט די הענט פון די פאַרשיקטע.

אַ לאַנגע צייט האָט זיין מוטער גאָר־נישט געוווּסט וועגן אים, געמיינט ער איז געפאַלן אויפן פראָנט; דער פאָטער איז אומגעקומען בעת דער עוואַקואַציע. ווען ס׳איז דערגאַנגען צו איר זיין ערש־טער בריוו, וואָס האָט געוואַנדערט ביז ער איז אָנגעקומען אין דער געענדערטער קלענערער וווינונג, האָט זי פון לאַנג גע־האַט אים באַוויינט. ווען ער איז צוריקגע־קומען, האָט ער אין גיכן זי באַוויינט. שטעלסט זיך נישט פאָר וואָס דער מענטש איז דורכגעגאַנגען, ס׳גלייבט זיך נישט אַז מ׳קען דאָס אויסהאַלטן; אַ סך, אַ סך פון זיינע חברים האָבן נישט אויסגעהאַלטן. ער איז שטענדיק געווען אַ שטאַרקער, אַ געזונטער, ער זאָגט אָבער, אַז דער שטאַרקער ווילן צו קענען מיר כאָטש צו־וויסן געבן וועגן זיך, צו זען אַמאָל זיין קינד, האָט אים געהאָלפן אַלץ איבער־טראָגן.

— ווי אַזוי איז ער געקומען קיין פּאַריז?

אַ לאַנגע געשיכטע. ער האָט פינף יאָר זיך געשלאָגן מ׳זאָל אים אַרויסלאָזן קיין ישראל. זינט צוויי יאָר לעבט ער אין תל־אביב, אַרבעט נאָך טיילווייז אַלס אַר־כיטעקט, נישט אויפגעהערט אַלע יאָרן צו שרייבן בריוו, צו זוכן מיך, מיינע עלטערן. ער האָט אַ שטויס בריוו גע־שריבענע צו מיינע עלטערן. זיי זענען צוריקגעקומען צו אים. מיינע עלטערנס אַלט הויז, ווו זיי האָבן פריער געוווינט, איז נאָך דער מלחמה אַראָפּגערוימט גע־וואָרן, זיי האָבן באַקומען אַ נייע דירה אין דער „באַנליע״. אוי, ווער קאָן דאָס אַלץ איבערדערציילן, אַלץ, וואָס ער האָט מיר דערציילט אין די דריי־פיר שעה.

זי האָט אָפּגעזיפצט, דערנאָך אַ רוף געטאָן מיט דער האַנט דעם „גאַרסאָן״, געבעטן אַ צווייטע קאַווע, געוואַרט אויפן געטראַנק שווינדליק, דערנאָך אויסגע־

טרונקען מיט איין שלונג און אַרויסגעוואָרפן פון זיך נישט קאָאָרדינירטע רייד. כ'האָב זיי איבערגעריסן מיט אַ פראַגע:

— ווי אַזוי האָט ער סוף כל סוף באַקומען דיין אַדרעס?

— ס'איז ווידער אַ געשיכטע, אַ צופאַל. פאַראַן אומגליקלעכע צופאַלן און אויך גליקלעכע. איך ווייס שוין אַליין נישט צי אַ גליק, צי אַ נייער אומגליק. בעת אַ באַזוך אין קופת־חולים, אין וואַרטע־זאַל, דערהערט צוויי עלטערע פרויען רעדן צווישן זיך פראַנצויזיש. איינע פון זיי מיין מאַמע. ער האָט האָט זי נישט דערקענט, זי אים אויך נישט. ער האָט זיי געפרעגט צי זיי זענען פון פראַנקרייך.

— פון פאַריז? האָט ער זיך דערפרייט, אפשר קענט איר די משפחה וואָלפזאָן?

— איך הייס וואָלפזאָן, האָט מיין מאַמע געזאָגט.

ס'האָט אים פאַרהאַקט דער אָטעם. נישט אויסגעגעבן זיך אָבער ווער ער איז נאָר געבעטן איר אַדרעס אונטערן אויסרייד, אַז ער האָט אַ וויכטיקע זאַך איבערצוגעבן דער משפחה וואָלפזאָן. ווען ער איז אין אָונט אַריין צו איר און איר מודיע געווען אַז דאָס איז ער, איר איידעם יעפּים, האָט מיין מאַמע פון אָנהייב נישט געגלייבט. ערשט ווען ער האָט איר געגעבן סימנים האָט זי זיך צעוויינט, געבעטן אים ער זאָל נישט צעברעכן מיין רואיק לעבן, כ'האָב זיך געגנוג אָנגעליטן. ער האָט איר צוגעזאָגט. אין דער זעלבער צייט גלייך אָנגעהויבן מאַכן צוגרייטונגען צו פאָרן קיין פאַריז. געקומען מיט פינף טעג צוריק. מיר האָבן זיך היינט געזען צום צווייטן מאָל.

— ער האָט דיך דערקענט?

— ער זאָגט: יאָ, דערקענט. אפילו דורכן טעלעפאָן, זאָגט ער, דערקענט. איך ווייס נישט צי ס'איז אמת, ער זאָגט, דערקענט אפילו מיט די בלאָנדע לאָקן. איך האָב אים נישט דערקענט. געדענקסט, ער איז געווען אַ הויכער, גלייכער, מיט געדיכטע שאַטינע האָר? היינט זענען זיינע האָר שיטער און גרוי, די פלייצע איינגעבויגן, די בלויע אויגן אויך נישט די זעלבע, פאַראַן אין זיי אַן אומעטיקער גלאַנץ, ער נעמט דורך דער גלאַנץ. ווייסט וואָס ער האָט מיר געזאָגט? „מיין ציל האָב איך פאָרט דערגרייכט. אַלע שרעקלעכע יאָרן מורא געהאַט זאָלסט מיר נישט חושד זיין צו האָבן דיך און מיין קינד פאַרלאָזט."

— נו, איז ער איצט גליקלעך וואָס ער האָט דעם חשד אַראָפּגענומען?...

— גליקלעך? ניין, ער איז דער אומגליקלעכסטער מענטש. ווי קאָן ער איצט זיין גליקלעך, אַז ער טאָר נישט קענען זיין זון, זיין קינד, צו וועלכן ער האָט אַזוי פיל יאָרן געבענקט. ער איז געקומען נישט נאָר צו מיר, נאָר אויך צו זיין זון צו זיינע אייניקלעך, ער וויל דורכויס זיין דער פאָטער, דער זיידע. שטעלסט זיך פאָר וואָס דאָס באַדייט?

כ'האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און זיך אַרויסגעראַטעוועט מיט אַ יידישן „נו":

— נו, איז וואָס אַז ער וועט זיי...

זי האָט מיר איבערגעריסן:

— ווי קאָן איך מיין זון דערציילן די גאַנצע מעשה? ס'באַדייט דערציילן אים אַלץ: דיין ביז איצטיקער טאַטע, וועלכן האָסט אַזוי ליב, איז נישט דיין טאַטע, ווייל אַט־דער פרעמדער מענטש איז דיין אמתער טאַטע. קאָן איך מייך זון אַריינפירן אין אַזאַ פּלאָנטער? קאָן איך מיין איצטיקן מאַן אַזוי אָפּצאָלן פאַר זיין איבערגעגעבנקייט, זיין ליבשאַפט צו מיין קינד? ער האָט מיך געראַטעוועט אין אַן עת צרה, ווען איך בין געווען פונאַנדערגעבראָכן; כ'האָב זיך נישט פאַרליבט אין אים אַזוי ווי אין יעפּימען, נאָר גיכער געזען אין אים אַ רעטונג. איצט האָב איך צוויי געזעצלעכע מענער. יעפּים בעט זיך ביי מיר מיט טרערן: „אויב דיך פאַרלוירן, פאַרוואָס זאָל איך אויך איצט מיין קינד פאַרלירן"? דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן ווען איך הער יעפּימס ווערטער. ער איז נאָך היינט פאַרליבט אין דער געעלטערטערטער פרוי וואָס איך בין. זאָל איך אים כאָטש נישט אַוועקנעמען דעם זון, די אייניקלעך. וואָס זאָל איך טאָן? כ'האָב נאָך אפילו גאָרנישט דערציילט מיין איצטיקן מאַן, איך ווייס נישט ווי אַזוי, פון וואָס אָנצוהייבן.

מאַרי האָט אָפּגעווישט אַ טרער, וואָס

האָט זיך אַרויסגעקייקלט פון אַן אויג; געקוקט אויף מיר אַ ווײַלע שווייגנדיק, מיט די אויגן געבעטן אַן עצה. מיר האָבן ווידער ביידע געשוויגן. מאַרי האָט אָבער געהאַט אַ באַדערפעניש אויסצודערציילן. פאַר וועמען דען אויב נישט פאַר דער וואָס איז מיט עטלעכע צענדליק יאָרן צוריק געווען דער עדות פון אָנהייב פון דער וויסטער געשיכטע.

— כ'האָב היינט, נאָכן פאַרלאָזן אים, נישט געקאָנט זיך אומקערן אַהיים. אויסגעשטיגן דאָ, אַריין אין דער קאַפע זיך אָפּצוקילן, איינצושטילן דעם ווייטיק אין האַרץ, די צעשרויפטע נערוון. שווער מיר צו קוקן מיין מאַן אין די אויגן, מיר דוכט... מיר דוכט איך באַגיי קעגן אים אַ גרויסע עוולה.

כ'האָב ווידער געפילט איך דאַרף עפּעס זאָגן זי צו טרייסטן און אַ זאָג געטאָן סתם אין דער וועלט אַריין:

— האָסט דאָך דיין מאַן קיין שלעכטס נישט געטאָן...

— ווייסט וואָס יעפּים האָט מיר געזאָגט? „חוץ מיין ליבע צו דיר בין איך דאָך אויך דיין געזעצלעכער מאַן, מיין זון איז מיין געזעצלעך קינד. פאַרוואָס זזאָל איך מיין קינד נישט טאָרן זאָגן, אַז איך בין זיין טאַטע? ס'וואָלט געווען די איינציקע פאַרגיטיקונג פאַר אַלע צרות." וואָלט ער געהאַט עפּעס אַ משפחה וואָלט אים לייכטער געווען צו רעזיגנירן פון זיין זון.

כ'האָב זיך געהאַט אין וואָס אָנצוכאַפּן, עפּעס צו זאָגן, עפּעס צו פרעגן:

— ער האָט שפּעטער נישט פאַרלייגט קיין משפּחה?

— כ'האָב געשטעלט די זעלבע פראַגע.

וואָלסט אים געהערט דערציילן וואָלסטו פאַרשטאַנען. נאָך 25 יאָר לאַגער זיך געפילט אַלט, געווען עטלעכע יאָר קראַנק. דערנאָך געטראַכט וועגן אַנטלויפן. און ווער ווייסט וואָס ס'איז נאָך פאָרגעקומען. ער זאָגט מיר כסדר: „כ'האָב דיר נאָך אַלץ נישט דערציילט." פאַר מיר איז שוין גענוג וואָס ער האָט ביז איצט דערציילט. ס'רייסט מיר אויס דאָס האַרץ ווען איך הער מיך צו צו זיינע רייד. אַזוי שווער אַזוי שווער דאָס אַלץ, איך ווייס נישט ווי אַזוי אים גרינגער צו מאַכן זיין איינזאַמקייט.

סאַ'יז מיר אויך שווער געוואָרן. כ'האָב נישט ווילנדיק, אינסטינקטיוו געכאַפּט אַ קוק אויפן האַנט־זייגערל.

— איילסט זיך?

— ניין... אַ ביסל, מיר וועלן זיך אָפּרעדן זיך צו טרעפן...

— וווּנדערסט זיך מסתמא וואָס כ'האָב זיך אַזוי צערעדט.

— ניין, איך ווונדער זיך נישט, ס'איז נאַטירלעך, אַ סימן, כ'בין דיר נישט קיין פרעמדע.

— האָסט דאָך אים געקענט, געוווּסט וועגן אַלעמען, אַ מענטש מוז זיך אַראָפּרעדן ווען ס'דריקט.

— כ'האָב איבערגעחזרט:

— ס'איז נאַטירלעך, מיר קענען זיך פון אַזוי לאַנג...

— דעריבער טאַקע פרעג איך דיך, וואָס וואָלסטו געטאָן אויף מיין אָרט?

— כ'ווייס נישט, באמת כ'ווייס נישט; שווער צו זאָגן ווען מ'איז נישט אויף דיין אָרט.

— כ'פאַרשטיי, פאַרשטיי — האָט זי אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.


מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

337½ North Hayowrth Ave. Los Angeles, Calif. 90048

Phone: 655-1292

פאַרוואַלטונג „חשבון"

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# לידער

## מיטן דרימל־שטעקן אין האַנט

אין נאַכט־טומאַן איינגעפּעלצט
מיטן דרימל־שטעקן ציען מיינע בלודנע טעג
אויפן פּראָסטיק־ווייסן וועג.
אין פּעלד כ'וועל זוכן די שפּורן
פון מיינע לאַפּטשעס אין שניי,
פרעגן אויפן אַלטן סערגיי,
און וואַנקאַ, צי איז ער צוריק שוין פון פראַנט?
די פאַרפרוירענע טשוואַשקע כ'דערקען
— אַ פאַרגליווערטע מומיע אין ראָוו,
וואָראָנעס קראַקען אין מיין קאַשמאַרנעם שלאָף,
און הונגעריקע אויגן פון וועלף
וואָס גרוילן;
מיטן פאַסטעך־שטעקן בלאָנקעט זיך
אַ בעזשעניעץ פון פוילן.

## נאָקטורן

(שרהן געהייליקט)

אויף מיינע האַרבסטיקע פידל־סטרונעס
צאַנקען דיינע טרערן,
אונדזער ווערבע — אויסגעברענט אין מיר
הערט ניט אויף צו הערן
ווי ס'קלאַפּט די בלינדע שרעק אין טיר.

אין פענצטער וואָלקנט זיך אַריין
קנוילן טרויער,
נאָקטורן אין מיין וואַנדלדיקן שלאָף;
דיינע האָר זיינען אויך שוין זילבער־גרויע
אויפן שוועל פון רויט־צעגליטן סוף.

מיר טראָגן זיך אויף דעמערדיקע פליגל
ניט באַמערקטע, שטילערהייט,
איבער בלויע יאָרן־בערג, שניי־פאַרוויטע וועגן;
כ'פלי נאָך אַלץ צוריק צו יענער רגע
פון אונדזער וווּנדיקן צעשייד.

**הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק**

## דער הירש

פאַרגאַפט איז דער הירש
געבליבן שטיין אויף אַ באַרג
אין צעבליטן קראַטאָנאַ פּאַרק.
אין זיינע צווייגן־הערנער
דורכגעפלאָכטן אַזור־בלויע־ליכט.
די זון אויסגעגאָסן איר ווייַן
האָט אין מערב־זייט
ביים געזעגענען דעם טאָג.

## איר טאַרסאָ

איר טאַרסאָ דערמאָנט אַן אַמאַזאָן,
איר טראָט צאַרט, ווייך,
אירע אויגן שמייכלען מיטן אומעט
פון אַ טויב.
איר קול דורכזיכטיק, קלאָר,
ווי דאָס וואַסער אין טראָפּישן ים,
נאָכן שטורעם, נאָך ציקלאָן,
שפּיגלט שטיפעריש דער ים.

איר בליק באַגלייט מיטן אומעט
פון אָפּגעשוווּמענע כוואַליעס,
איר האַנט־דרוק דערמאָנט
די וואַרעמקייט פון אַ פריינד.

## דער מייסטער

אויפן יום־טוב פון פאַרבן
האָב איך דעם מייסטער געזען;
דאָס פּנים געררונצלט אין קאַרבן
די אויגן אין כישוף געווען.

ווענט באַהאַנגען מיט זיינע געמעלן,
שטראָמען, שוימיקע וואַסער־פאַלן;
יעגער דורך ווייסע פערל־ציין קוועלן,
וואַלד דורכגעזיפּט פון זון־שטראַלן.

צווישן פּרימיטיוון, ביי פרעמדע שוועלן,
האָט דער מייסטער גבורה געזען,
זייערע טענץ און קינדישער קוועלן,
תענוג פאַר זיין מידן האַרץ געווען...

די זון, אַ פּאַליטרע אויף זיין האַנט,
געמישט זיבן פאַרבן אין איין געזאַנג:
פון יונגע טעג דער גריז, ער אַנט
איצט, אויפן שוועל פון זון־פאַרגאַנג.

אין שאָפּען־נאַכט, ווען כ'מיש די לידער־נאָטן,
ניגונט זיך דיין יונגער שאָטן,
אונדזער טרייסלדיקן פּיין וועט אָוועקבלאָזן די צייט,
נאָר די ווערבע, אויסגעברענט אין מיר,
וויינט נאָך ערגעץ ווייט, זייער ווייט.

## נאָך אַלעמען

זיי וועלן אויסגראָבן אונדזערע טראַיאָס,
די עלעגיעס פון פייער־בערג,
געטריבענע סטאַדעס אין שעכטהייזער,
מיטאָלאָגישע אַלטע מערק.

זיי וועלן קלעטערן אויף אַשיקע פּיראַמידן,
חרובע קעניאָנס און דאַמען,
און פאַרבליבטע דעשיפרירן אויף אַ שטיין
אַן אָפּגעריבענעם נאָמען.

אין אויסגעגראָבענע סינאַמאָסקאָפּן
וועלן אפשר נאָך הויערן דרעמלדיקע פּי
איך נעציקן גראָז,
און לעכערדיקע הימלקראַצערס
אויף צעקרישלטן גלאָז.

נאָר בלייבן וועט לזכרון
אין קעלער אַרכיוון, אין מוזייען
פון גלעזערנע שטעט
די צויבער פליט פון אַ פאַסטעך־פּאָעט.

ישראל גובקין

# י. ל. פרץ —
## זיבעציק יאָר נאָך זיין פּטירה *)



איידער מיר וועלן רעדן וועגן פּרצס שאַפן, וועלן מיר זיך בקיצור אָפּשטעלן אויף זיין ביאָגראַפיע. דאָס וועט אונדז העלפן בעסער פאַרשטיין און אָפּשאַצן זיין פּילזייטיקע און גרויסע ירושה, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזן.

יצחק לייבוש פּרץ איז געבוירן געוואָרן דעם 18טן מאַי, 1852, אין זאַמאָשטש, אין יענער צייט רוסיש־פּוילן, און איז פּלוצלינג נפטר געוואָרן חול־המועד פסח, דעם 3טן אַפּריל, 1915, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין זיין לוויה האָבן זיך באַטייליקט אַרום 100,000 יידן פון אַלע שיכטן: אַרבעטער און קרעמער, פרומע און ניט־פרומע, ווי אויך אַ צאָל ניט־יידישע פאַרערער. די לוויה פון גרויסן פּרץ איז באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער פון פּוילישע כוליגאַנעס.

מען קען זאָגן, אַז ער איז אפשר געווען אַן אומדירעקטער מלחמה־קרבן. זיין וואַרעם יידיש האַרץ האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן די יידישע צרות פון יענער צייט, ווען ניקאָלייעוויטש, דעם צאַרס פעטער און הויפּט־קאָמאַנדיר פון

*) פון אַ רעפעראַט געהאַלטן אין יידישן קולטור־קלוב, לאָס אַנדזשעלעס..

די רוסישע אַרמייען, האָט — בכדי צו פאַרדעקן די רוסישע מפּלות אויף אַלע פראָנטן — באַפוילן אַרויסצוטרייבן די יידן פון די שטעטלעך, נאָענטע צו די מלחמה־זאָנעס, און אפילו פון די ניט־נאָענטע, מאַכנדיק דעם בילבול, אַז די יידן סימפּאַטיזירן מיט די דייטשן און עסטרייכער, און זיינען דייטשישע שפּיאָנען. וואַרשע איז דעמאָלט געווען פול מיט יידישע פּליטים, און די צרות זיינען געווען אין־לשער. פּרץ האָט זיך געמיט פאַר די פּליטים און זייערע קינדער אייבער זיינע כוחות; געווען אַקטיוו אין וואַרשעווער הילפס־קאָמיטעט און געגרינדעט קינדער־היימען פאַר די קינדער פון די פּליטים און פון דער היימישער וואַרשעווער אָרעמקייט.

פּרצס טאַטע האָט געהייסן ר׳ יודל. ער האָט געשטאַמט פון אַ יחסניש־סוחרישער משפּחה און—לויטן פאַמיליע־נאָמען פּרץ — ווייזט אויס געשטאַמט פון ספרדישע יידן. י. ל. פּרץ זאָגט עדות אויף זיין טאַטן, אַז ער איז געווען אַ ליבעראַל־געשטימטער מענטש און „אפשר אַן אַנאַרכיסט“; „אַז ס׳איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מ׳וועט נעמען אין מיליטער און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, האָט ער געראָטן: נישט שרעקן זיך און נישט גיין. קיינער זאָל נישט גיין...“

פּרצ׳ס מאַמע, ריוועלע, האָט געשמט פאַר אַ צידקנית, ווייל זי האָט געהאַט אַן אָפענע האַנט פאַר אַלע נויטבאַדערפטיקע. זי האָט געקאַרגט פון זיך און פון הויזגעזינד, עס זאָל סטייען פאַר צדקה און פאַר לייבושעס מלמדים. אַ דאַנק זיין מאַמען האָט פּרץ געלערנט ביי די בעסטע מלמדים אין זאַמאָשטש, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מתנגדישע שטאָט, פול מיט גרויסע למדנים און משכילים ווי אויך „באַהאַלטענע“ קאָצקער חסידים, וואָס האָבן זייער חסידות געהאַלטן בסוד, און זיך צופיל ניט געוואָרפן אין די אויגן...

פּרץ איז אַרויס פון די מלמדים מיט אַ סך מקורדיק יידיש וויסן: תנ״ך, גמרא, און לשון־קודש, ווי מ׳האָט עס דעמאָלט גערופן. וועגן בלאָנדן מיכל מלמד, „אַ באַהאַלטענער קאָצקער“, זאָגט פּרץ: „אפשר האָט ער מיט די שטילע אויגן זיינע מיר איבערגעגעבן אַביסל חסידות...“

פּרצס מקורדיק יידיש וויסן האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אין זיינע שאַפונגען, און ספּעציעל אין „חסידיש“ און „די פאָלקסטימלעכע געשיכטן“. ער האָט, ווייזט אויס, פון מיכל מלמד געלערנט אַ סך מער ווי „אַביסל חסידות“...

נאָך עפּעס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן: פּרץ איז ניט געווען נאָר אַ יידישער שרייבער. ס׳איז ניט ריכטיק די מיינונג, אַז ער האָט — ווי אַנדערע יידישע שרייבערס פון זיין צייט — אָנגעהויבן שרייבן אויף העברעיש און אַריבער צו יידיש. פאַקטיש האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אויף פּויליש און העברעיש, אַריבער צו יידיש און גלייכצייטיק מיט יידיש ממשיך געווען אויף העברעיש. זיין באַרימטע דראַמע „די גאָלדענע קייט“, למשל, איז לכתחילה דורך אים געשריבן געוואָרן אויף העברעיש און געהייסן „חורבן בית צדק“; שפּעטער דורך אים איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש מיט נאָך אַנדערע שאַפונגען זיינע, קורצע און לענגערע.

פּרצעס העברעיש איז אַ מאָדערנער, אָן משכילישע מליצות, פּרציש־וווּלקאַניש, זאַפטיק און תוכיק ווי זיין יידיש, מיט די באַרימטע פּרצס פּינטעלעך...

פּרץ ווערט פאַררעכנט אין אַלע העברעישע לעקסיקאָנען ווי אַ העברעישער דיכטער און שריפטשטעלער, און איז פאַרטראָטן אין די בעסטע העברעישע אַנטאָלאָגיעס און זאַמלונגען, ווי אויך אין כרעסטאָמאַטיעס פאַר יוגנטלעכע און דערוואַקסענע. אין יצחק עוגנס אַנטאָלאָגיע פון דער נייער העברעישער פּאָעזיע, „שירה עברית“, איז פּרץ פאַרטראָטן מיט אַן אָפּקלייב פון זיינע בעסטע ליריישע לידער און מיט אַן אַריינפיר צו זיין שאַפן בכלל.

ער האָט געהאַלטן, ווי דוד פרישמאַן און אַנדערע אין זיין צייט, אַז העברעיש איז אַ ליטעראַטור־שפּראַך און קען ניט ווערן קיין גערעדטע פאָלקס־שפּראַך. וואָלט ער נישט געשטאָרבן פריצייטיק און געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן ארץ־ישראל און הערן דאָס גערעדטע העברעיש דורך גרויס און קליין, וואָלט ער זיכער געביטן זיין מיינונג, ווייל פּרץ

איז בטבע געווען ליבעראַל, אויב ניט רעוואָלוציאָנער, ניט נאָר פּאָליטיש נאָר אויך גייסטיק; אַ שטענדיקער זוכער און בעל־מחדש, גרייט אויפצונעמען נייע אידעען און דערשיינונגען, ווי ער האָט עס באַוויזן מיט אַריינפירן אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור די מערב־אייראָפּעישע ליטעראַרישע ריכטונגען, ראָמאַנטיזם און סימבאָליזם.

בכלל קען אויף אים געזאָגט ווערן דאָס וואָס יעקב אָבינו האָט געזען אין זיין חלום, ווען ער איז אַנטלאָפן פון זיין ברו־דער עשו: „און אַט אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט אין הימל.״ ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף פּויליש און העברעיש; באַשריבן רעאַ־ליסטיש ייִדישע בויט, אָרעמקייט, דער־שלאָגנקייט און צומאָל האָפענונגסלאָזי־קייט, אָבער צוזאַמען מיט דעם האָט ער שוין דעמאָלט אויך דערזען און געשיל־דערט די גייסטיקע דערהויבנקייט אין ייִדישן אָרעמען לעבן, ווי מיר זעען דאָס אין זיינע סקיצן „שלום־בית״, „דער נייער ניגון״ און אין אַ סך פון זיינע קורצע דער־ציילונגען. ער איז קיין מאָל ניט געווען אַזוי נעגאַטיוו קריטיש־אָפּלאַכעריש ווי אַנדערע שרייבערס אין צווייטן העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט.

די צאַרישע פּאָגראָמען אין די אַכצי־קער יאָרן האָבן אים אַ שטויס געגעבן צום ייִדישן נאַציאָנאַליזם, צו מער ייִדי־שער קערנדיקייט און צו סאָציאַלער קאַמפּערישקייט.

אין יאָר 1888 האָט פּרץ פאַרעפנט־לעכט זיין באַרימטע פּאָעמע „מאָניש״, וואָס האָט באַלד געצויגן אַ סך אויפמערק־זאַמקייט מיט איר אינהאַלט און פאָרם, און האָט אָנגעזאָגט, אַז אַ גאַר־גרויסער טאַלאַנט איז צוגעקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין אַ סך געלונגענע פערזן און מאָלע־רישער בילדלעכקייט פירט ער דאָרט אַרויס דעם עכט־ייִדישן געדאַנק פון איי־ביקן קאַמף צווישן יצר־טוב און יצר־רע. דער גערעטענער, גאוניש ישיבה־בחור, מאָניש, ווערט פאַרפירט דורכן שטן סמאלס טייוואָליש ווייב, לילית. ער פאַלט פאַר איר שיינקייט; טרעפט זיך אָפּט מיט איר אין דער שטאָטישער „חורבה״, פון וועלכער אַלע שטאָט־לייט ווייכן, שווערט איר טרייַשאַפט מיט גאָטס נאָמען, און פאַרענדיקט אין גיהינום — אַ שטראָף פון גאָט פאַר נאָכגיין דער פאַרפירערישער לילית און פאַר פאַרשוועכן זיין נאָמען...

די תורה האָט דאָך פאַרזאָגט: ולא תתורו — איר זאָלט ניט נאָכגיין אייער האַרץ און אייערע אויגן, און דאָס איז די שטראָף.

אין „מאָניש״, ווי ביי דעם באַרימטן מאָלער גרעקאָ אין זיין „טאָלעדאָ״, מישט זיך ערד מיט הימל, און האָט אָנגעזאָגט פּרצס ווייטערדיקן גאַנג צו די העכסטע שטאַפּלען פון זיין שאַפן: „חסידיש״ און „די פאָלקסטימלעכע געשיכטן״.

מיט זאָגן „די העכסטע שטאַפּלען פון זיין שאַפן״ מיין איך ניט צו פאַרמינערן דערמיט זיינע אַנדערע שאַפונגען: זיינע דראַמעס: „די גאָלדענע קייט״, „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, זיינע ייִדישע און העב־רעישע („העוגב״) ליבע־לידער, און זיין ליריק בכלל; זיינע אַרבעטער־לידער: „דריי נייטאָרינס״, „די צוויי ברידער״, וווּ ער פירט אַרויס אויף זיין שטייגער דעם קלאַסן־קאַמף; און „מיין נישט — מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע — וואָס איז, אגב, עכט־ייִדישלעך אין וועלט־באַנעם, דער גערעכטער משפּט ווערט סוף־כל־סוף קומען —

„די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין
בערזע, קיין הפקר,
געמאָסטן ווערט אַלעס, געוואויגן ווערט
אַלעס.
קיין טרער און קיין בלוטיקער טרער
פאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג
ניט פאַרלאָשן!
פון טרערן ווערן טייכן, פון טייכן ווערן
ימים,
פון ימים — אַ מבול, פון פונקען —
אַ דונער —
אָ, מיין נישט, לית דין ולית דיין!״

פּרצס דערציילונגען „חסידיש״ און „די פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ (לעצנטס אַרויסגעגעבן אין אַ נייער אויפלאַגע

משה שקליאַר

# פּרצלאַנד

אָ מיין בישט,
אַז איך וועל דיך פירן, בן אדם,
דורך וועגן און שטעגן פון בלעטער פאַרגעלטע,
כ'וועל ציען דעם איבערגעריסענעם פאָדעם —
די גאָלדענע קייט פון פאַרשניטענע וועלטן,
די קייט, וואָס געבליבן איז באַלד שוין אָן רינגען,
נאָר ריר זיך בלויז צו —
און זי וועט זיך צעקלינגען
מיט קולות פאַרשטיקטע, וואָס וועלן די רו
פון הימלען און ערדן צעשטערן.
איך וויל דיך אין פּרצלאַנד פירן,
אין לאַנד פונעם שטענדיקן ווערן,
וואָס וויַיסט בישט פון שטילשטאַנד און פרידן.

---

דורכן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק) שטעלן מיט זיך פאָר באמת „וראשו מגיע השמימה‟; זיי דערגרייכן די הימלען פון אייביקייט מיט זייער ספּעציפיש ־ פּרצישער קינסטלערישקייט און מקורדיקער יידישקייט. זיי זיינען דאָס קערנדיקע און אייביקע אין פּרצס ירושה. זיי גייען אַריין אין כלל פון די נצחדיקע שאַפונגען פון יידישן גייסט פון אַלע דורות: די תנכישע סיפּורים, די אגדות פון תלמוד, מדרש, זוהר און פון מיטלעלטער, וואָס ווערן קיינמאָל נישט אַלט און וועלן תמיד געלייענט ווערן אין די אָריגינעלע שפּראַכן און אין איבערזעצונגען.

דער באַרימטער דיכטער, מלך ראַוויטש, האָט בשעתו פאָרגעשלאָגן צו מוסיף־זיין אַן אָפּקלייב פון בעסטן אין דער ביַיער יידישער און העברעישער ליטעראַטור און עס הייליקן ווי אַ צוגאָב צום תנ״ך. פּרצס „חסידיש‟ און „די פאָלקסטימלעכע געשיכטן‟ וואָלטן געוועזן פון די ערשטע איינגעשלאָסן צו ווערן אין אַזאַ זאַמלונג.

צו דעם וואָס מיר האָבן אויבן געזאָגט פאָרט זיך שטאַרק איציק פעפערס „אַ ווענדונג צו פּרצן‟:

„כ'קען זיך היינט צו דיר ניט ווענדן
ווי מען ווענדט זיך צו אַ מענטשן,
וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן
פון דער שווינדליקער ערד;
וואָס זיין גאַנג איז שוין פאַרגאַנגען,
און זיין וואָרט איז שוין קיין וואָרט ניט
און זיין ווערט האָט ניט קיין ווערט...

ניין! איך קאָן ניט, און איך דאַרף ניט;
כ'וועל צו דיר זיך היינט ניט ווענדן
ווי דו וואָלסט באמת רוען
אויפן וואַרשעווער בית־עולם
מיט אַ טרויער־צוים פאַרשטעלט.
לעבסט היינט מיט אַ שענער לעבן
פון אַ סך, וואָס לעבן טאַקע,
נאָר זיי בלאָנקען זיך ווי שאָטנס
אויף דער לעבעדיקער וועלט...

כ'וויל ניט וויסן, כ'וויל ניט הערן,
אַז דו ביסט אַוועקגעגאַנגען;
אַז דו האָסט מיט אַנדערע צעשיידט זיך
פריער מיט דריַיסיק יאָר.
כ'וועל קיין הספד דיר ניט מאַכן,
כ'זע אויף גאַסן דיך, אויף שליאַכן;
ביסט אַ מענטש פון אונדזער דור,
און דיין חלום איז מיין וואָר...‟

קום, לאָמיר גיין אין פרצלאַנד,
פון אַלטן מאַרק אַדורכן ראַנד
אַרויפשטייגן אויב נישט נאָך העכער
און ווי יחזקאלס טרייער וועכטער
זיך צוהערן צום גילגול־ניגון,
מיט וועלכן טויטע מאַמעס וויגן
טויטע קינדער אין די וויגן,
אַריינקוקן אין קעלער־שטיבער,
וווּ ס׳איז געבליבן בלויז די ליבע
און נישטאָ מער די געליבטע,
און נישטאָ מער די באַטריבטע
מקובלים ביי די ספרים,
נאָר בלויז קברים, קברים, קברים.

קום, לאָמיר גיין אין פרצלאַנד
אין זען ווי מען נישט שענקט אַ פאַנט —
זיין האַרץ צו לילית דער פאַרשייטער,
און פון אים אַ ביסל ווייטער
שטייט באַנציע מיט דער הייסער בולקע
און דער בטלן דער צעדולטער
שטרעקט צו איר די אָפגעברענטע
הענט, און אַ שוועסטער אַ פאַרשעמטע
ווישט דאָס בלוט, וואָס פליסט אָן אויפהער,
ס׳זאָלן שונאים די באַזויפטע
פון איר שאַנד זיך נישט דערפרייען - - -

אין פרצלאַנד מיר וועלן גיין,
אין ערגעצלאַנד פון אייביק פרידן,
וווּ געדעפּט האָט זיין צופרידן
סיי דער ערדמאַן, סיי דער בערגמאַן,
דער פישערמאַן און אַקערמאַן,
וואָס רעדן מיט איין שטראַלנשפּראַך,
ווו דער אמת האָט דערוואַכט —
אַ בענקשאַפט־פיין, אַ בענקשאַפט־ריין !
אין פערצלאַנד מיר וועלן גיין.

מיין פרצלאַנד, מיין פרצלאַנד,
וואָס איז פון פייער און פון בראַנד
צום לעבן אויפגעשטאַנען ווידער —
ווי אַ וואַנדערער אַ מידער,
וואָס בייגט זיך אָן צו פרישע קוואַלן
און טרינקט פון זיי אַרויס די שטראַלן
ביינאַנד מיט וואַסערן די ריינע,
איך וועל פון העלן אָפשיין דיינעם
נערן זיך מיט פרישע זאַפטן
און ווי אַ קינד כ׳וועל אַ פאַרגאַפטער
יעדעס מאָל אויפסניי זיך שטעלן
נעבן דיינע וווּנדערשוועלן,
וואָס פירן צו די העכסטע הייכן,
וווּ געקאָנט האָט בלויז דערגרייכן
אומרו־גייסט פון מאָרגן־טרוימער,
וואָס געבראָכן האָבן צוימען.

זע, בן אָדם, ס׳שטייען אָפן
אין פרצלאַנד נאָך טיר און טויער
פאַר די, וואָס קענען גלייבן, האָפן,
צולייגן צו דר׳ערד אַן אויער
און יעדן שפּראָץ דאָרטן דערהערן —
קום אין לאַנד פון אייביק ווערן.

שאול גוטמאַן / ניו־יאָרק

# סינטיאַ אָזיק — און די שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור

צווישן די ענגליש־שרייבנדיקע יידישע קינסטלערס אין אַמעריקע, איז סינטיאַ אָזיק געווען איינע פון די ערשטע שוואַלבן וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז דאָ, אין צפון־אַמעריקע, קומט אויף אַ י י ד י ש ע ל י ט ע ר אַ ט ו ר אויף ענגליש — אַ ליטעראַטור נישט פון אַליענאַציע, פון אָפּפרעמדונג, פון נעגאַטיוועו באַציונג צו יידישקייט, נאָר פאַרקערט: אַ ליטעראַטור וואָס פאַראורטיילט אַסימילאַציע, און וואָס ציט איר יניקה פון יידישע קוואַלן, פון דער יידישער געשיכטע, פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע; אַ ליטעראַטור וואָס איז דורכגעלויכטן פון יידישע וויזיעס, און וואָס וויל העלפן באַפעסטיקן יידישע עקזיסטענץ. זי האָט דערקלערט אַז יידן אין די תפוצות זיינען פאַרמשפּט צו סטערילקייט אויב זיי וועלן נישט באַטאָנען און ווייטער קולטיווירן זייער גייסטיקע ירושה.. ווי זי האָט זיך אַמאָל, אין אַ דיסקוסיע מיט סאול בעלאָו, אויסגעדריקט: אויב מיר וועלן בלאָזן אין דער שמאָלער זייט פון שופר וועט מען אונדז ווייט הערן, אָבער אויב מיר וועלן בלאָזן אין ברייטן טייל פון שופר, און באַשטימען צו זיין די מענטשהייט, וועט מען אונדזער קול איינגאַנצן נישט הערן.

סינטיאַ אָזיק האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען אין אַמעריקע מיט אירע בעלעטריסטישע ווערק, ווי: „דער פּאַגאַנישער ראַביי און אַנדערע דערציילונגען״, „שוועבן״, „צוטרוי״, און אַנדערע. זי איז נישט נאָר אַ באַגאַבטע בעלעטריסטין, נאָר אויך אַ גייסטרייכע עסייאיסטין, וואָס אפילו אויב איר זייט נישט מסכים מיט אַלע אירע מיינונגען, פאַראינטריגירט זי אייך מיט אירע געדאַנקען, וואָס ווערן אויסגעדריקט ליידנשאַפטלעך, דרייסט, פּאָלעמיש. אין דעם איצטיקן בוך, וואָס מיר ווילן דאָ באַהאַנדלען: „קונסט און התלהבות״ *) זיינען פאַראַן 24 עסייען, אין וועלכע זי באַטראַכט ליטעראַטור, פּאָליטיק, שפּראַך, און זייער קעגנזייטיקע באַווירקונג. צווישן אַנדערע, ווידמעט זי עסייען צו גרשום שלום, מאָריס סעמיועל, העראָלד בלום, ווירדזשיניאַ וואולף, י. באַשעוויס, הענרי דזשיימס, און אַנדערע.

אָבער איידער מיר גייען איבער צו באַטראַכטן עטלעכע צענטראַלע אָפּהאַנדלונגען, לאָמיר זיך באַקענען אַ ביסל מיט איר הינטערגרונט. זי איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק, אין 1928, ביי יידיש־רוסישע עלטערן, ביי אַ טאַטן אַן אַפּטייקער, אַ יידיש־ייד. זי האָט גראַדויִרט פון „ניו־יאָרק אוניווערסיטעט״ מיט אַ בי.איי. אין 1949, און אַ יאָר שפּעטער האָט זי באַקומען איר עם.איי. פון אָהייאָ סטייט־אוניווערסיטעט. אין 1964־1965 איז זי געווען אַן אינסטרוקטאָרין אין ענגליש, אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט.

## II

איינע פון די אָנרעגנדיקע עסייען אין בוך איז די אַרבעט איבער ליטעראַטור: „איינאָוואַציע און דערליידונג״. אויב מען זאָל בקיצור איבערגעבן איר טעזע זאָגט זי אַט וואָס: דער בעסטער מוסטער פון עכט־יידישער ליטעראַטור איז דער מדרש, דער משל, וואָס מאָראַליזירט נישט; די מעשה אינטער פרעטירט זיך אַליין, און דאָס איז דער „ליכט־קראַנץ״ וואָס אַלע ליטעראַרישע ווערק דאַרפן פאַרמאָגן: נישט־דערזאָגטקייט, און די אַטמאָספערע וואָס דאַרף איבערגעבן דעם זינען פון דער דערציילונג. זי פּאָלעמיזירט מיט יענע קריטיקערס וואָס מיינען אַז דער עיקר אין ליטעראַטור איז די שפּראַך פון וועלכער די דערציילונג איז געמאַכט. זיי האָבן אַוועקגעשניצט מיט אַזאַ צוגאַנג דעם געזימס, דעם ליכט־קראַנץ וואָס דאַרף זיין די נעם פון דער דערציילונג. זיי זיצן אין דער פינצטער ווי די קאַראַאימען וואָס האָבן געוואָלט אָפּהיטן שבת

*) ART AND ARDOR: Essays by Cynthia Ozick; Alfred A. Knopf; New York, 1983; 305 pp.

אין דער פינצטער און קעלט. ביידע, די קריטיקערס און די קאַראַאימען, צעשטערן די זאַך וואָס זיי האָבן געהאָפט צו גלאָריפיצירן. די שרייבערס וואָס האַלטן פון דער טעאָריע, פּרעזענטירן אין זייער קונסט אַ געץ. דאָס איז אַ ליטעראַטור לשם ליטעראַטור, ניט פאַר דער מענטשהייט. דערלייזערישע ליטעראַטור, ליטעראַטור וואָס אינטערפּרעטירט די וועלט ביז זי און איר זין ווערט אויסגעעפנט פאַר אונדזער פאַרחידושטן בליק — אַזאַ ליטעראַטור צילט אונטערצושיידן איין לעבן פון אַנדערן, צו אילומינירן פאַרשידנקייט, צו שילדערן די אייגנאַרטיקייט פון יחיד.

אינאָוואַציע אין קונסט, באַטאָנט זי, מיינט נישט איינפלאַנצן אינגאַנצן אַנדערע מענטשלעכע דערוואַרטונגען; עס מיינט נישט אַ ריס מיטן פריערדיקן. ווען קולטור־המשך ווערט איבערגעריסן, אַזוי ווי אין נאַצישן „דריטן רייך", איז דער רעזולטאַט: קאָרופּטירונג, פאַרגוואַלדיקונג פון דער קונסט, און איר סוף. אויב שרייבערס דאַרפן האָבן אַ פּראָגראַם, דערקלערט זי, טאָר עס נישט זיין אַ ברוגזן זיך פון די ייִנגערע אויף די עלטערע שרייבערס. „יונגע שרייבערס וואָס טראָגן אַ האַרץ אויף די עלטערע וועלן אויסגעפינען אַז די וואָס זיינען נאָך ייִנגער פון זיי, האָבן זיי פיינט. עלטערע שרייבערס וואָס זיינען מקנא די ייִנגערע דאַרפן געדענקען אַז די קינדער־וועגעלעך זיינען אָנגעפּאַקט מיט צוקונפטיקע נאָוועליסטן און פּאָעטן."

זי דערציילט וועגן אַ פּראָמינענטן אַמעריקאַנער שרייבער וואָס האָט איך אַ שמועס מיט איר, זיך אויסגעדריקט אַז פאַר אים איז, אין קונסט, נישט וויכטיק די טעמע, נאָר די שפּראַך. דער קינסטלער ווי אַ בירגער, האָט יענער געהאַלטן, קען זיין אַ הויך־מאָראַלישער מענטש, אָבער צי ער איז מאָראַליש, אָדער נישט, איז נישט רעלעוואַנט פאַר זיין קונסט, וואָס פאַרלאַנגט בלויז אַ רייכע פאַנטאַזיע, און נישט מער. פאַר דעם אַמעריקאַנער נאָוועליסט איז אַ מאָראַליש־אַחריותדיקע ליטעראַטור אַ תרתי־דסתרי, צוויי זאַכן וואָס זיינען זיך סותר. אָזיק איז מחולק מיט דעם בליק אויף ליטעראַטור; קונסט לשם קונסט, אָפּגעזונדערט פון מאָראַלישן לעבן. פאַר איר איז ליטעראַטור — מיטן אויסנאַם פון לירישער פּאָעזיע, וואָס זי פאַרגלייכט צו בלומען אינמיטן טאָג — ס'הייסט בעלעטריסטיק, דאַרף האָבן אַ „מאָראַלישן ליכט־קראַנץ", נישט אין דער דערציילונג גופא, נאָר אין דער פאָרם פון „אַ שוואַכער, גליענדיקער קאָנטור אַרום דער דערציילונג." מיט אַ ליטעראַטור פון דערלייזונג מיינט זי נישט אַ גאַראַנטירטער צוזאָג פון גאולה, אָדער גוטסקייט, אָדער פרייַנדלעכקייט.

דערלייזונג, גאולה מיינט פאַר איר אַז מענטשן און זאַכן קענען מיר, מיט אונדזער ווילן ענדערן; עס מיינט אַז מיר זיינען אַחריותדיק, אַז ס'איז נישטאָ קיין דעאוס עקס מאַכינאַ אויסער אונדזער כאַראַקטער. די ליטעראַטור האָט אַ מאָראַלישן מאַנדאַט צו פריידיקן דערהייבונג, הגם דער פּרינציפּ דאַרף נישט בפירוש אויסגעדריקט ווערן אין דער דערציילונג. זי שטרייכט אונטער אַז דער דמיון, די פאַנטאַזיע, איז דאָס פלייש און בלוט פון ליטעראַטור, אָבער גלייכצייטיק איז די אימאַגינאַציע דער כוח וואָס קעמפט אויסצולעשן דעם דערלייזערישן „ליכט־קראַנץ", אַזוי אַז אמתע ליטעראַטור מוז שטרייטן מיט איר אייגן בלוט און פלייש, מיט איר יצר־הרע, וואָס וויל אויסלעשן דעם „ליכט־קראַנץ". אָבער אין עכטער ליטעראַטור, פירט זי אויס, „שפּריצן אַרויס לייכט־טורעמס פון ליכט־קראַנץ, און די וועלט מיט איר זיבעצן ווערט אָפן פאַר אונדזער פאַרוואונדערטן בליק." אָזיק ציטירט דעם קריטיקער א. טאַבאַטשניק, אַז די מאָדערנע ייִדישע פּאָעזיע פון די „יונגע", האָט נישט אָפּגעמעקט די טראַדיציאָנאַליסטישע עלעמענטן אין ייִדיש, נאָר האָט זיי נאָך פאַרשטאַרקט.

איך האָב דאָ גאָר בקיצור איבערגעגעבן עטלעכע עיקרים אין איר קינסטלערישן אני־מאמין. פאַר ייִדיש־ייִדן וואָס קענען די ייִדישע ליטעראַטור, זיינען אירע השקפות איבער ליטעראַטור נישט קיין חידושים. מיר האָבן דאָס, מיט אַנדערע ווערטער און מעטאַפאָרן, געהערט נאָך פון פּרצן, פון שלום אַשן, פון לייוויקן. זע מאַנט זיך אַז נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אונדז פּרץ אין זיין

באַרימטער עסיי: „וואָס פעלט דער יידישער ליטעראַטור?״ געמוסרט: „נישט נאָר אויף יידיש, ײדיש מוז געשאַפן ווערן... ווו איז דער יידישער געדאַנק? די שכינה? איז פאַראַן אַ פאָלק וואָס טוישט זיינע שפראַכן, אַ וואַנדער־פאָלק אָן געשטיצטע גרענעצן, אָן אַן אייגענער עקאָנאָמישער סטרוקטור, און דאָס פאָלק לעבט, ליידט און גייט נישט אונטער... מוז אַזאַ פאָלק אַנדערש זען, אַנדערש פילן, אַן אַנדער וועלט־אָנשויאונג האָבן, אַן אַנדער פאָרשטעלונג וועגן דער צוקונפט פון וועלט, לעבן און מענטש...

איך רייד צו די וואָס שטרייטן פאַרן רעכט צו שאַפן יידישע קולטור־ווערטן — דאָ העלפט שוין נישט קיין יידיש רעדן, מען מוז עפעס זאָגן!... און געפינען דעם תוך: דעם „עצם־עניין״ פון יידישקייט אין אַלע ע־טער, אין אַלע צייטן... געפינען די נשמה פון דעם אַלעם און זען זי באַשטראַלט מיטן נביאישן חלום פון דער מענטשלעכער צוקונפט — דאָס איז די אויפגאַבע פון יידישן קינסטלער... צוריק צו דער ביבל; צוריק צום זיכערסטן פונקט, און פון דאָרט — צום מענטש אויפן יידישן וועג.״

פאַקטיש הערן מיר אין מערסטע עסייען אין דעם בוך אַן עכאָ פון פרצ׳ס אידעען און אָנשויונגען, וואָס ער האָט פאָרמולירט נאָך איידער שלום אַש האָט געשריבן זיינע יידישסטע ווערק, ווי: „קידוש השם״, „דער תהילים־ייד״, און די טרילאָגיע: „פאַרן מבול״; און נאָך איידער לייוויק האָט פאַרעפנטלעכט זיינע וואָגיקע, דערלייזערישע דראַמעס: „דער גולם״, „מהר״ם ראָטענבערג״, און „אין די טעג פון איוב״. די דערמאָנטע צוויי גרויסע יידישע קינסטלערס, און אַ סך אַנדערע האָבן אויפגענומען פרצ׳ס אַרויסרוף צו דער יידישער ליטעראַטור, און געשאַפן ווערק וואָס „זיינען געווען באַשטראַלט מיטן נביאישן חלום פון דער מענטשלעכער צוקונפט.״

## III

אין דער אָפּהאַנדלונג: „צו אַ ניי־יידיש״ איז זיך אָזיק מתווכח מיטן קריטיקער דזשאָרדזש סטיינער, וועלכער האַלט, אַז הגם דער ייד אין די תפוצות איז אויסגעוואָרצלט, איז פון דעסטוועגן די דיאַספאָ, אַ דער פרו:טבאַרער באָדן פאַר דעם תוכיקן ייד. זי קוועסטיאָנירט דעם דאָזיקן געדאַנק, כאָטש זי איז מיט אים מסכים אַז אוניווערסאַליזם איז אַ יידישער אימפולס. אָבער, דאָס איז נישט, לויט איר, יידישקייט, יידישער אוניווערסאַליזם באַטאָנט אַז דער גאָט פון ישראל איז דער גאָט פון דער מענטשהייט, אָבער עס זאָגט נישט אַז די מענטשהייט איז דער גאָט פון ישראל.

זי גייט איבער צו דער „נייער קריטיק״ וועלכע האָט פאַרשפרייט אַ ריטואַל: „עקספּליקאַציע״, אַז אינטערפּרעטאַציע פון טעקסט איז דער עיקר אין אַ קונסטווערק; ס׳הייסט, אַז דער שרייבער איז נישט רעלעוואַנט צו זיין ווערק. זי באַשטרייט דעם דאָזיקן קוק, און זי דריקט אויס איר צופרידנקייט, וואָס די בעסטע אַמעריקאַנער קריטיקערס, ווי לייאָנעל טרילינג, פיליפ ראָוו, אַלפרעד קייזין, אירווינג האָו — אַלע יידן — האָבן נישט צוגעשטימט צו דער שיטה אין קריטיק, נאָר האָבן צוריק אַריינגעשטעלט די מענטשהייט. אמת, זיי ווערן באַשולדיקט מצד די „נייע קריטיקער״ אַז זיי זעצן פאַר די אויסגעשעפּטע פאָרמען פון ראָמאַן אין ניינצנטן יאָרהונדערט, אָבער זי ענטפערט אויף דעם, אַז דער ראָמאַן אין זיין דעמאָלטיקער פאָרם האָט זיך באַשעפטיקט מיט מענטשלעכן אויפפיר, און מיט די קאָנסעקווענצן פון דעם אויפפיר. דער נייער ראָמאַן, להיפוך דעם אַמאָליקן, דאַרף זיין אַ פאָעמע, אָן אַ געשיכטע, און דאָס, מיינט פאַר איר, אַ געץ, אַ נאַרקאָטיק, אַן עסטעטישער פּאַגאַניזם, וואָס משפט נישט, אינטערפּרעטירט נישט די וועלט און דעם מענטש.

די יידן־שרייבערס, אַרגומענטירט זי, אין די תפוצות וואָס זיינען געבליבן יידיש, ווי קאַפקאַ און פרויד, זיינען יידן וואָס האָבן געאורטיילט די קולטור וואָס זיי האָבן געפונען אין דער וועלט, און דערצו זיינען זיי ריזן; אָבער, קיין ווערק וואָס איז געשריבן געוואָרן אין גלות, טענהט זי, איז נישט דויערנדיק, סיידן עס איז צענטראַל יידיש, דעמאָלט וועט עס דויערן פאַר יידן; אויב עס איז נישט תוכיק

יידיש, וועט עס נישט דויערן נישט פאַר יידן און נישט פאַר גויים. רש״י און יהודה הלוי דויערן פאַר יידן; לייוויק און שלום־עליכם, האַלט זי, וועלן דויערן פאַר יידן.

די שרייבערין דריקט אויס איר אומצופרידנקייט מיט די ישראלים וואָס נעגירן די תפוצות, זי איז מיט זיי נישט מסכים. מיר זיינען די ערשטע דיאַספּאָרא אין צוויי טויזנט יאָר, וואָס עקזיסטירט צוזאַמען מיט מדינת ישראל, און מיר ווייסן נאָך נישט וואָס די קאָנסעקווענצן פון דעם וועלן זיין. דאָ, אין אַמעריקע, גלויבט זי, קען זיין אַ נייע יבנה, אויב אַמעריקאַנער יידן וועלן גרייט זיין צו לערנען אַ נייע שפּראַך וואָס זי רופט אָן „ניי־יידיש; אַ ליטעראַטור אין „ניי־יידיש״ וועט זיין, פונקט ווי די יידישע ליטעראַטור, באַשעפטיקט מיט דער מענטשלעכער ווירקלעכקייט, זי וועט זיך נישט פאַרנעמען מיט אַ תלמודישן אינהאַלט, נאָר מיט יענעם תלמודישן נוסח וואָס נעמט אָן אין אונדזער צייט אַ בעלעטריסטישע פאָרם.

פון וואַנען, פרעגט זי, וועט קומען די דאָזיקע שפּראַך? אָזיק האַלט אַז זי שרייבט שוין איצט אין דער שפּראַך, און אַז אַ העלפט פון די יידן אין די תפוצות רעדן שוין איצט די שפּראַך. זי מיינט דערמיט ענגליש מיט אַ צומיש פון יידיש־העברעאישע ווערטער און באַגריפן. פונקט ווי דייטש איז בהדרגה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יידיש, און איז שפּעטער, ווען ס'איז אויפגעקומען די יידישע ליטעראַטור, געוואָרן אַן אינסטרומענט פון אונדזער פאָלקישקייט אין אייראָפּע, אַזוי קען אַנגלאָ־יידיש ווערן מיט דער צייט, אַ יידישע שפּראַך ביי ענגליש־רעדנדיקע יידן. ווי אַ מוסטער פון אַן עכט־יידיש ווערק גיט זי סאול בעלאָו'ס „מר. סאַמלערס פּלאַנעט״ אין דער עסייאיסטיק, דערמאָנט זי, זיינען שוין איצט דאָ אַ סך יידישע ביכער אין דער ענגלישער שפּראַך...

דער שרייבער פון די שורות האָט שוין מער ווי איין מאָל אויסגעדריקט דעם געדאַנק אַז עכט־יידישע ליטעראַטור איז אויך געשריבן געוואָרן אין נישט־יידישע שפּראַכן: אין ענגליש, אין רוסיש, אין דייטש, אין פראַנצויזיש; איז דעריבער פאַר אים נישט קיין נייעס דאָס וואָס די אַמעריקאַנער יידישע שרייבערין זאָגט אַז וואָס מער מיר וועלן אַריינגיסן די יידישע וויזיע, די יידישע סענסיביליטעט אין דער ענגלישער כלי, דעמאָלט שאַפן מיר אַ שפּראַך פאַר אונדזערע באַדערפענישן. מיר וועלן אַנטוויקלען אַן אגדה „בלשוננו״, ווי רש״י האָט אָנגערופן פראַנצויזיש.

נאָר צי וועלן מיר דערגרייכן אויף אַנגלאָ־יידיש יענע הייכן וואָס די יידיש־ליטעראַטור האָט במשך הונדערט יאָר דערגרייכט — אין אַ וועלט פון אַן אָפּגעזונדערטער יידישער ציוויליזאַציע אין מזרח־אייראָפּע; צי וועלן מיר דאָ פּראָדוצירן אַ פּרץ, אַ לייוויק, אַ שלום־עליכם אויף ניי־יידיש? דער ענטפער אויף דער פראַגע איז פאַרהוילן אין די פאַלדן פון דער צוקונפט. דערווייל דאַרפן מיר געדענקען אַז וואָס מער צידה לדרך מיר וועלן איבערגעבן די יונגע דורות פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור, אַלץ יידישער וועט זיין די „ניי־יידישע שפּראַך און ליטעראַטור: (זע: „די צוקונפט״, אַקט. 1982).

## IV

פאַראַן נאָך אַ ריי סטימולירנדיקע עסייען אין דעם בוך אויף וועלכע ס'וואָלט זיך געוואָלט קאָמענטירן. אַזוי למשל איז איר אָדע צו מאָריס סעמיועל און גרשום שלום אי נישט איבערגעטריבן, אי דער לייענער וועט זיך דערוויסן אַ סך פּרטים וועגן זייער לעבן, זייערע אויפטואונגען פאַר דער יידישער מחשבה. פּראָפעסאָר העראָלד בלום ווערט פון איר שאַרף קריטיקירט פאַר זיין „לינגוויסטישן מיסטיציזם״, ווי ראָבערט אַלטער האָט אָנגערופן זיין טעאָלאָגישן צוגאַנג צו ליטעראַטור.

אין לעצטן סך־הכל איז עס אַ בוך וואָס צווינגט אייך צו פאַרטראַכטן וועגן דברים העומדים ברומו של עולם. איר מוזט נישט מיט אַלץ מסכים זיין, ווייל זי מאַכט צייטנווייז באַהויפּטונגען וואָס זיינען העזהדיק און דאָגמאַטיש, און שטימען נישט מיטן אמת. אַזוי למשל, גיט זי זיך אַ זאָג: דער ייד איז גלייכגילטיק צו עסטעטיק. אָבער די גאַנצע געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן לייקנט אָפּ די דאָזיקע קאַטעגאָרישע מיינונג. פון „אָז ישיר משה״ דורך ישעיהו, שיר השירים, דער גאָלדע־

שלמה שוואַרץ / שיקאַגאָ

# לידער

## בלעכענע בלומען

אויסגעניכטערט פון נעכטיקן ווײַן
דאָס האַרץ פון דער נאַכט
איז געבליבן ליגן אויף פרימאָרגנדיקע אַלטאַרן
אויסגעטריקנט ווי אַ שקלאַף
אין אויפגערעגטע טעג פאַרטריבן.

לײַכטזיניק איז די נאַכט מיט ציטרינענע שעהן,
מיט אָפענע סודות און דורכזיכטיקע גלעזלעך.
לעגענדאַרישע געטער און מעטאָרן מיט עקסטאַז
און וויזיעס אָנגעלאָדן דורך שוואַרצע רייד
מיט צאָרן און גרימאַסן
אין דעם גלעזערנעם קאַרנעוואַל.

נער תקופה אין שפּאַניע, ביז ביאַליקן און אהרן צייטלינען — צו דערמאָנען בלויז עטלעכע ווערק און קינסטלער וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט געשליפענער עסטעטיק, מיט שײנקייט פון פאָרם, וואָס האָט אַ דאַנק דעם באַווירקט עטיש דעם יידישן מענטש. אָדער איז עס נישט אַ גוזמא צו זאָגן אַז דזשאָרדזש עליאָט, דיקענס, און טאָלסטאָי האָבן פאַרפאַסט אַ „פּאַ־יידישטן ראָמאַן"? און שעקספּירס „קעניג ליר", און מילטאָנס „פאַרלאָרענער גן־עדן", און נאָך אַ סך ווערק פון נישט־יידן וואָס האָבן געצילט צו קולטיווירן דעם עטישן באַוווסטזײַן — זײַנען דאָס אַלץ „פאַריידישטע" ווערק? זײַנען די ל"ו צדיקים טאַקע אַלע נאָר יידן? אפשר וועט אַזיק אויך אַרײַננעמען צווישן זיי אַ פּאָר פון די חסידי אומות העולם...

זי דערלויבט זיך אויך צו פסקענען, אַז ווען אַ ייד ווערט אַ סעקולערער מענטש איז ער מער נישט קיין ייד. דאָס איז דאָך אַן אַבסורד! ווארעם אויב מיר זאָלן אָנגענעמען אָזיקס מיינונג, דעמאָלט דאַרף מען אויסשליסן פון יידישן פאָלק כמעט אַלע גרינדער און באַגרינדער פון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען ביי יידן, אָנהייבנדיק פון די חלוצים, אחד־העם, חיים זשיטלאָווסקי, שמעון דובנאָוו, וולאַדימיר מעדעם, ביז באָראָכאָוון און בן־גוריונען!

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע עקסטרעמקייטן אירע, געהערט זי צו די פּאָזיטיווסטע, צו די יידישסטע שרייבער אויף ענגליש, וואָס דאָס אַמעריקאַנער יידנטום האָט פּראָדוצירט — אין דער טראַדיציע פון לודוויק לוויסאָן און מאָריס סעמיועל — נעענטער צו דער דאָגמאַטישקייט פון ערשטן ווי צו דער באַלאַנסירטקייט פון צווייטן. זי דערקלערט בפירוש אַז זי איז אַ יידישע שרייבערין. זי קען די יידישע ליטעראַטור, און האָט איבערגעדיכטעט אויף ענגליש לידער פון לייוויקן און דוד איינהאָרן. זי נוצט איר טאַלאַנט צו באַקעמפן אַסימילאַציע, און צו שטאַרקן אַן עכט־יידישן המשך אין אַמעריקע, און מדינת ישראל. דערפאַר איז איר בוך אַ צושטייער צו דער יידישער עסייאיסטיק אין אַמעריקע.

צוגעקאָוועט צום בענקל,
באַוואָפּנט מיט באַגער און מאָרגן־ווייסקייט
מיט דעם בראַנדזוענעם אומעט
פון לאַנגזאַמען לעמפּל
מיט שאָטנס פון אַלערליי מאַסקעס און שפּרוכן
דורך פאַרפלעקטע שפּאַקטיוון.

אין די דורכזיכטיקע גלעזלעך
ברענט די אויגנדעקלעך און ליפּן דער ווייך,
שפּעט און אָפּגענאַרט...
בלעכענע בלומען ווי סטאַטועס קוקן מיך אָן.

(שיקאַגאָ — 1984)

# פּוטיפרע׳ס גייסט

אין מיטן העלן טאָג ביזטו געקומען
איינגעהילט מיט אַ סך נעכטנס
צוזאַמען מיט דיין מיידלשן געלעכטער
אַוועקגעלייגט זיך מיט דעם הייסן אָטעם דיינעם
ביים פענצטער
און געררייצט די זון אין די שויבן.

ערגעץ־ווו האָב איך דיך פאַרלאָרן.

איצטער, פּנים אל פּנים, ווייסן מיר ביידע
אַז בלעטער זענען פאַרפלויגן מיט ווינט
טיף אין אַש;
און אפשר איז דער סוף באַפליגלטע ווייכקייט
ווייכער און סאַמעטנער
ווי די ווערטער צווישן מיר און דיר.

מוז דיר גלויבן
אַז די ריחות דיינע און דאָס פּזרנות,
פּוטיפרע׳ס גייסט
ווינקלט אונדז ביידן;
און איך, ווי יוסף, מיט בענקשאַפט און חלומות,
לאָז זיך פאַרפירן...

(שיקאַגאָ — 1984)

שיע טענענבוים / ניו־יאָרק

# פיר לידער

(פאַרצייכענונג)

אין חודש אַפּריל בין איך געזעסן בײַם שרײַבטישל, מײַנע הענט פאַרפלעקטע מיט טינט. די זון פון דעם גרויסן דרויסן איז אונטערגעגאַנגען אינעם טינטער און אָנגעצונדן דעם טינט. מײַן האַרץ איז געווען אַזוי טרויעריק און פריילעך. שטענדיק ווערן מיר אומעטיק אין פרילינג: ווײַל יעדער איינציקער מענטש האָט דאָך וואָס צו באַדויערן. מיר דערמאָנען זיך די פעלערן וואָס מיר זײַנען באַגאַנגען. מיר פרייען זיך מיט דער שיינקייט פונעם פרילינג. די אייביקע שטילע פּאָעזיע פון דער נאַטור נעמט אונדז אַדורך און דאָס וואָס איז געווען פאַרגעסן, דערמאָנט אונדז...

און אָט אַזוי זיצנדיק בײַ מײַן טאַטנס שרײַבטישל, וואָס ער האָט געלאָזט שטיין אין שטוב און ער איז אַוועק אָפּקומען זײַן טויט אין אַ ברוקלינער קבר צווישן אומבאַקאַנטע ייִדן, עפן איך צופעליק דאָס בוך פון לידער. דאָס מאָל איז עס געווען י. י. שוואַרצ'ס ייִדישע אַנטאָלאָגיע פון דער העברעישער דיכטונג. און ווי נאָר איך מיש די בלעטלעך, גייט מיר אַנט־

## דאָס מיידל אין „גלאָריאַ וואַנדערבילדס" דזשינסן

דאָס מיידל אין „גלאָריאַ וואַנדערבילדס" דזשינסן  
מיט טונקעלעברילן אויף די אויגן  
פרעמד און אייגנס,  
נאָענט — אַ רעטעניש  
דורך די סאָבוויי וואַגאָנען:  
פיאָלעט, בלאָ און גרין  
מיט גערוך פון נעפּרעטיטע,  
מיט פינקלדיקע שיך און אויסגעטאָקטע קנאָפּל,  
מיט לאַנגע פיס און בלאָנדע פאַרדאַכטן.

די באַנען קײַקלען זיך אַוועק.  
פאַרשייט די רחובות פאַרווילט אין אירע אויגן.  
ריִרעוודיק מיט לויטערקייט  
שטײַגט זי אַרויס צום זומער־טאָג מיטן שמייכל  
פון „קאָקאַ־קאָלאַ" וואָס פאַרווערט דעם לאַנגוויַיל  
אויף אירע ליפּן.

די שפּרינגיקע סימנים אויף די דזשינסן...  
אינטים מיטן סוד פון אַלע סודות  
דורך אַלע פענצטער און טירן  
ווי פלינקע מכשפים־כּיטרע, געניט,  
אור־לוסט וועקט אויף דעם משוגענעם הונגער  
פון די עלעקטראָ־גיטאַרעס, פּויקן און מיקראָפאָנען.

(1984 — שיקאַגאָ)

קעגן דער גרויסער העברעישער באַרד, רבי יהודה הלוי, מיט אַ גרויסאַרטיק ליד ווי עס איז געווען זיין „טבע". דאָס ליד האָט געענוי און פּרעציז אויסגעדריקט מיין שטימונג, מיין לייד און מיין לוסט. מיינע עמאָציעס האָבן אויפגעשטראַלט מיט די פּערזן.

ווען איך האָב איין אָוונט געטראָפן די דיכטערין רייזל זשיכלינסקי, האָב איך איר דערציילט פון דעם דאָזיקן נס: ווי איבערראַשט איך בין געבליבן פון אַ גרויס ליד. זי האָט מיר צוגעזאָגט עס ביינאַכט צו לייענען, פאַרן שלאָפן גיין, ווי אַ תפילה...

„די ערד האָט נעכטן נאָך געזויגן ווי אַ קינד
די שטראָמען פון דעם ווינטערדיקן רעגן —
ציי ווי אַ כלה שמאַכטנדיק נאָך איר באַגערטן,
פאַרבענקט נאָך זומער שווייגנדיק געלעגן.
ביז ס'האָט דער זומער זי געקושט, געוואַרעמט,
באַלעבט איר האַרץ וואָס האָט געקלעמט צום שטאַרבן;
ווי אַ צעפּיעשטשעט מיידל בייט זי אירע קליידער,
געהאָפטן און געשטריקט מיט פרישע פאַרבן..
זי קליידט זיך יעדן טאָג אין נייע זאַכן,
און טוט אויף דאָס אַרומיקע קאָלירן ציען;
טאָג־טעגלעך בייט זי אירע חן און צירונג:
שמאַראַגדן גרינע און רובינען גליען.
אָט איז זי ווייס, אָט גרין, און אָט פאַררויטלט
ווי אין איר קוש אַ מיידל רויט נעמט ווערן;
די בלומען זיינען זייער שיין, און ס'דוכט מיר,
זיי האָבן פון קאָליר באַרויבט די שטערן..
דעם ווייגגאָרטן וואָס ליגט צעשטראַלט אין זונשיין,
האָט זי געקושט מיט פייערדיקע צונגען;
די הענגלעך טרויבן זיינען קיל ווי שנייען,
נאָר אין זיי גליען פלאַמענדיקע פונקען.
דער ווייןווערט פון דעם קרוג ווי זון פאַרלויכטן,
און ווערט אין דעם קרישטאָל ווי פלאַם זיך וועקן —
איך וואַנדער אום אין שאָטנס פון די ביימער,
עס לאַכט די ערד צו דעם געוויין פון רעגן.
זי לאַכט — און ס'שטייען טרערן אויף איר פּנים,
ווי פּערלדיקע שפּריצן פון פאָנטאַנען.
זי זינגט פון אונטער בלעטער, ווי אַ מיידל,
וואָס טאַנצט אַהינטער פאָרהאַנגען פאַרבאָרגן.
פאַרשוימט מיך און פאַרנעמט מיט צאַרטע דופטן,
און וועקט און רעגט מיין גייסט מיטן פרימאָרגן.
אַ ווינטל ס'פּילט זיך און צעפּאָכט די מירטן,
און מ'טראָגט די פריינד צו ווייטע זיסע דופטן,
די שלאַנקע פּאַלמענצווייגן פּאַטשן־צו צום כאָר פון פייגל אין דער לופטן."

איך האָב איבערגעלייענט דאָס ליד פון רבי יהודה הלוי און איך בין געבליבן זיצן אַן איבערראַשטער: ווי אַזוי פּאָעזיע קען זיין לעבעדיק און פריש! אין יעדן פּערז פּירסטו אָן דעם מענטש. קיין איינציקע שורה איז נישט געזויגן פון פינגער און נישט קלוגער פונעם מחבר. און נישטאָ קיין סימן פון אָנשטרענגען זיך צו שרייבן „גרעסערע" פּאָעזיע ווי עס דערלויבט דער באַגרענעצטער טאַלאַנט, ווי דאָס טוען די היינטצייטיקע מכלומרשט קלוגע, סאָפיסטישע און אינטעליגענטע פּאָעטן.

יהודה הלויס ליד איז העכסטער ראָמאַנטישער רעאַליזם. ממש די פּשטות אַליין. אַלץ עקזיסטירט דאָ אין דער ווירקלעכקייט. מען זעט עס קלאָר פאַר די

אויגן ווי מען וואָלט אַרייַנגיין בשעתן פריען באַגינען אין אַ וואַלד און אַלץ שיינט צו זיין אויסגעשלאָפן און אויסגערוט דורך דער זאַכטער נאַכט און עס איז אַזוי שיין און רויק. מיט קנאַפּע טויזנט יאָר צוריק האָט אַ פּאָעט דינערהייט ווי קוים מיטן פעדער־שפּיץ פון אַ פויגל געצייכנט אַ ליד פון פרילינג — אַ גאָלדענע מאָלעריי. עס זיינען דורך דער לאַנגער צייט־שטרעקע געקומען און געגאַנגען טויזנטער פרילינגען און האַרבסטן, און דאָס ליד איז געבליבן שטיין מיט זיין וווּנדערלעכער פרישקייט.

און דער פרילינג ווען איך האָב דאָס ליד קאָפּירט פון י. י. שוואַרצ'ס העברעישער אַנטאָלאָגיע אויף יידיש איבערגעזעצט, האַלט עס נאָך אַלץ אָן מיט זיין אייביקער „אַקטואַליטעט" אַזוי לאַנג ווי די מענטשלעכע דורות וועלן אָטעמען אויף אונדזער פּלאַנעט וועט דאָס ליד בלייבן פריש. פאַרוואָס? ווייל עס איז געשריבן געוואָרן מיט זיפּענע אויגן, מיט האַרץ און נשמה פון אַ גרויסן דיכטער. ווייל אין יעדער שורה פילט זיך די פּערזענלעכקייט פונעם פּאָעט אַליין. רבי יהודה הלוי אָטעמט אין יעדער פערז. דאָס ליד איז עכט ווייל עס אָטעמט מיט דער פרייד און מיטן טרויער פון אַ מענטש, ווייל אַ לעבעדיקער און ליבנדיקער מענטש איז געבליבן שטיין אינעם ליד; ווייל עס איז נישט אַבסטראַקט, נישט פילאָסאָפיש, נישט טעאָלאָגיש, נישט טעאָרעטיש, נישט פּאַרטייאיש. דו רירסט אָן אין דער שורה פונעם ליד אַ גרויסן דיכטער.

און עפּעס איז מיר לייכטער און גרינגער געוואָרן אין דעם פריען אַפּרילישן פרימאָרגן. איך האָב ממש פיזיש־נאָענט אָנגערירט און גרויסזעליש דערפילט אַ אַ גרויסן, געניאַלן קאָלעגע, אַ גרויסאַרטיקן פריינד, אַן אומשטערבלעכן ייד, וואָס שטייט פּאָטערלעך איבערגעבויגן איבער מיר און ער טרייסט מיך סיי מיט זיין גרויסער דיכטונג און סיי מיט דער אייביקייט פון מענטשלעכן גייסט...

* * * * *

אַנומלט קוק איך אַריין אין אַן אַלבאָם פון דעם פלעמישן מאָלער אַנטואַן וואַטאָ וועלכער איז באַרימט ווי דער מייסטער פונעם ראָקאָקאָ פּעריאָד אין דער פראַנצויזישער קונסט און געשיכטע. ביי איין רעפּראָדוקציע פון זיינס אַ קונסטווערק בלייב איך שטיין: עס שטעלט פאָר אַ שלאָפנדיקע פרוי. די רעכטע האַנט דעקט צו אַ האַלב פון איר דין־געשניצטן און אויסערגעוויינלעך־איידעלן פּנים, מיט דער אַנדערער צאַרטער האַנט האַלט זי זיך צו דאָס זיידענע העמד, אַז עס זאָל נישט אַרונטערפאַלן און אָפּדעקן צופיל פון איר סענסיטיוון לייב, בשעת די נאָבעלע פאָרם פון אירע בריסט זעט זיך קוים אָן אויפן בוזעם מיט אַלע פיינע שאָטנזייטן און ווינקלען פון אַ ליבן און סימפּאַטישן פרויען־גליד, וואָס איז לייכט און פול מיט דעליקאַטע שטריכן אָנגעדייט. דאָס איז מסתמא אַן עטיוד פון אַ פּאָרטרעט און דורכן קינסטלער געליבטער פרוי... וואָרים מען קען גרינג זען, אַז זי איז צאַרט און געצערטלט אין יעדן שטריך מיט וואַטאָס לירישן פּענדזל. אין דעם דאָזיקן דינעם קונסטווערק איז פאַראַן גרויסע ליבשאַפט און באַוווּנדערונג צו דער פרוי. דאָ האָט אַ פיבערישער און יונגערהייט־אָפּשטאַרבנדיקער קינסטלער געצייכנט זיין אינטימע פאַרהערלעכונג פון אַ שלאָפנדיקער שיינקייט... די פרוי שלאָפט, נאָר דער מאָלער האָט זי געזען און געמאָלן אַלס אַ צויבערהאַפט וועזן. פון דער פולקאָמענקייט פון זיין מייסטערווערק זעט מען אַז ער האָט די נאָבעלע פרוי ליב געהאַט. וואָרים נאָר מיטן שעפערישן פייער פון ליבע קען מען באַשאַפן אַזעלכע איידעלע קונסטווערק. מיט שנאה און פאַראַכטונג קען מען בלויז שאַפן חורבן און צעשטערונג...

און בשעת איך האָב אַזוי באַטראַכט וואַטאָס דרימלענדיקע פרוי, וואָס האָט מיך דערמאָנט אין טשייקאָווסקיס „שלאָפנדיקער שיינקייט", נעם איך אין דער האַנט אַריין ל. פיינבערגס יידישע אַנטאָלאָגיע פון דער רוסישער פּאָעזיע, און עס גייט מיר אַנטקעגן דער רוסישער פּאָעט פאַנאַסי אַפאַנאַסיעוויטש פעט (שענשין — 1820־1892), און זיין ליד דריקט גענוי אויס מיין אויבן־באַשריבענע שטימונג און מעדיטאַציע איבער וואַטאָס אידעאַלער דאַמע:

## „אָ, נישט וועק!

אָ, נישט וועק זי, נישט וועק אין באַגין
ווען זי שלאָפט אַזוי זיס און געשמאַק;
ס'אָטעמט מאָרגן ביי איר אויף דער ברוסט,
פלאַקערט העל אין די גריבעלעך פון באַק...

און דאָס קישן אירס הייס איז און פייכט,
און דער שלאָף אירער מיד איז און הייס.
און אויף שולטערן לויפן אַראָפּ
שוואַרצע צעפּ ווי די לענטעס געקרויזט...

נעכטן אָוונט ביים פענצטער איז זי
לאַנג געזעסן, פאַרזונקען אין טרוים,
און געהיט ווי די לבנה פאַרשייט
האָט מיט וואָלקנס געשפּילט זיך אין רוים...

און וואָס העלער לבנהקער שפּיל,
און וואָס העכער דעם נאַכטיגאַלס טרעל,
בלאַסער, בלאַסער געוואָרן איז זי,
טיפער, טיפער די פּיין פון איר זעל...

אַט דערפאַר פלאַמט דער מאָרגן אַזוי
אויף איר באַק און אויף מיידלשער בריסט.
איז נישט וועק זי, נישט וועק אין באַגין,
אין באַגינען זי שלאָפט אַזוי זיס...״

איבערגעלייענט דאָס ליד פון אַן עכט־סלאַווישן פּאָעט אין דער יידישער איבערזעצונג פון לאַמעד פיינבערג, האָב איך זיך ווידער געפילט איבערראַשט, ווי אַזוי ס'אָס דאָזיקע ליד האָט האַרמאָנירט מיט וואַטאָ'ס שלאָפנדיקער פראַנצויזישער פרוי... און ווי אַזוי עס האָט אויסגעדריקט מיינע געפילן און מחשבות. אויך דאָס דאָזיקע ליד איז נישט נאָר אַן אמתע לירישע דיכטונג, נאָר אויך באַזירט אויף אַ רעאַלער איבערלעבעניש. עס טרעפט אַז אין דער נאַכט, פאַרבייגייענדיק גאַסן, הייזער און אָפענע פענצטער, זעט מען אָפט ווי אַזוי אַ פרוי זיצט אונטערן פלורשעבעם פאַרהאַנג און וואָס מער זי זויגט אַריין אין די פאָרן פון איר צאַרטן גוף די ווייסע לבנהשע שטראַלן, אַלץ בלאַסער ווערט זי... נישט וועק איר אויף אין דעם פריען אין דער פרי, פאַרבייגייער, מיט אַ גראָבן קול... וואָרים זי שלאָפט מסתמא אַ מידע, אַן אויסגעמוטשעטע פון שפּעטנאַכטישע יסורים. ל. פיינבערג האָט דאָס ליד איידל איבערגעטראָגן אין יידישן פאַרנאַסישן גאָרטן אַריין... איך צווייפל צי מען האָט אים אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט... גיכער נישט...

* * * * *

הענעך קאָן, דער באַרימטער יידישער קאָמפּאָזיטאָר איז געווען מיינס אַן אינטימער פריינד זינט די יאָרן ווען ער איז בשעתן חורבן צוגעקומען קיין אַמעריקע, און איך באַרים זיך מיט זיין פריינדשאַפט. ער איז אַ לעבעדיקער סימבאָל פון דעם שעפערישן פּוילישן יידנטום: רייך אין תורה, חכמה, גייסט און הומאָר; רייך אין בטחון און שטענדיק שאַפנדיק, אימפּראָוויזירנדיק, אמוזירנדיק — אַזוי ביז צום אַריינמאַרש פון היטלערס האָרדעס קיין פּוילן און חרוב מאַכנדיק דאָס היסטאָרישגרויסע פּוילישע יידנטום... די גאַנצע וועלט איז אַ גראַנדיעזע פּאָרטעפּיאַנאָ. און שטענדיק זיצט דער קליינגעוויקסיקער און גרויסער הענעך קאָן ביי דער פּאָרטעפּיאַנאָ פון דער וועלט און ער ברענגט ניגון און נחת צו יידן. אין זיין געביין איז אַריין דער גייסט פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרצווייפלט...

הענעך קאָן, ווי שוין געזאָגט, איז געווען מיין האַרציקער פריינד. איך האָב תמיד זיך צוגעהערט צו אים מיטן טיפסטן אינטערעס. ער קען אויסגעצייכנט די יידישע מאָלעריי אין פּוילן. וואָרים דאָס וואָס איז געהערט געוואָרן ביי די טישלעך אין די אייראָפּעישע קאַפעען; די פייערקרישקעס פון ליטעראַטור און קונסט וואָס זיינען געפאַלן אין די סטודיאָס פון באַרימטע מאָלערס — הענעך קאָנס אינטימע פריינד; די אוניווערסיטעטן פון וואַרשעווער, לאָדזשער און פּאַריזער קינסטלער־מאַנסאַרדעס און היימישע סאַלאָנען וואָס ער האָט פון זיין פריערע יוגנט אַן באַזוכט; זיין שטאַמען פון דער

שטאָט לאָדזש, וואָס האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט יידישער קונסט: סקולפּטור, מאַלעריי, מוזיק; זיין הויפּט־אַקאַדעמיע: פּרצ׳ס הויז, ווו הענעך קאָן איז געווען אַן אָפטער און באַליבטער גאַסט, אַנטרעפנדיק די שפּעטער באַרימט געוואָרענע שרייבערס וואָס זיינען נאָך דעמאָלט כמעט אַלע געווען יונגע אָדלערס וואָס האָבן זיך געגרייט צו עפענען זייערע בריליאַנטענע פליגל און אַ שוועב צו טאָן מיט שווונג איבערן יידיש־פּוילישן הימל: שלום אַש, יעקב דינעזאָן, ה. ד. נאָמבערג, אברהם רייזען, ד״ר נתן בירנבוים, יהושע פּערלע, פּרץ הירשביין, אַלטער קאַציזנע, יעקב פּרעגער, מנחם, ביאַליק, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און מאַסן אַנדערע יידישע שרייבער און דיכטער — דאָס אַלץ האָט הענעך קאָנען אויסגעשטעלט ווי אַ גרויסן קענער פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור און קונסט. מיין ווינציקייט הערט זיך תמיד צו צו זיינע קאָנווערזאַציעס, אַנעקדאָטן און רייכער כראָניק פון געדענקענישן וועגן יידישע שעפערס.

הענעך קאָנס הויפּט־ליבשאַפט אין דער וועלט פון מאָלעריי גייט צו זיין באַרימטן פריינד, דעם פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם מאָלער־גאון יאַנקל אַדלער. ער קען רעדן וועגן יאַנקל אדלערן גאַנצע נעכט. הענעך קאָן איז אַליין אויך עוסק אין מאָלעריי. פון זיינע דינע הענט און סענסיטיווע פינגער גייען אַרויס זייער איידעלע וואַסער־קאָלירן (אַקוואַרעלן) וואָס אָטעמען מיט יידישן פאָלקלאָר און פאָלקסטימלעכקייט. אַ בלייך, צאַרט און צוויבערהאַפט פּנים פון אַ יידישער כלה קוקט תמיד פאַרבענקטערהייט אַרויס פון זיינס אַן אָפּגעפאַרבט שטיקל פּאַפּיר...

אַנומלט האָט מיר הענעך קאָן געשענקט פאַר מיין באַשיידענער בילדער־קאָלעקציע אַן איידעלע צייכענונג פון אַ יינגן פאַריזער יידישן קינסטלער. ער הייסט יוסף פּרעסמאַן. אגב פּריצייטיק אַוועק פון דער פאַריזער סביבה...) איך טראָג געגרן אַהיים די צייכענונג. מיין חבר, הערשל דאַניעלס, דער קינסטלער, רעמט זי מיר איין. עס איז אַ דין און צאַרט פּנים פון אַ מיידל. די דינע שטריכן פון אַ דינבעם־שפּיץ באַשאַפן אַן אויסערגעווינלעך איידעלן פּנים פון אַ מיידל. צי איז עס אפשר דעם קינסטלערס קליינטשיק שוועסטערל? איז עס די קליינע און איידעלע שולמית פון שיר השירים, וואָס לויפט אַרום ביינאַכט אַזאַ טרערן־פאַרטריפטע איבער די ליידיקע געסלעך פון ירושלים זוכנדיק איר געליבטן, איר קעניג־פאַסטוך? צי איז עס אַ פאַרברענטע קליינע כלה וואָס איז מיטן רויך און מיט פייער־פונקען אַרויפגעגאַנגען פונעם קוימען פון אוישוויצער קרעמאָריום צו גאָט? צי איז עס אַזאַ „ערשטע געליבטע״ וואָס איז אויף אייביק געבליבן שטיין איינעם קינסטלערס האַרצן און זיכרון?...

יוסף פּרעסמאַן פאַרציערט די איידעלע צייכענונג זיינע מיט יידישע אותיות. די אותיות שטעלן צונויף אַ זייער וואַרעם ליד. און ווען איך האָב אַדורכגעלייענט דאָס ליד, זיינען מיינע אויגן געווען פייכט. איך ציטיר עס דאָ אין מיין שריפט ווי דאָס דריטע ליד פון דער דאָזיקער פאַרצייכענונג וועגן פיר לידער...

„דעם פריינד הענעך קאָן צום אָנדענקען.
איך געדענק דעם טאַטנס ווייכע שטימע
אין שיין פון שבת קודש ליכט;
די מאַמע ווי אַ טויב אַ פרומע.
איך געדענק די שוועסטער ביי דעם
פענצטער.
דער אָוונט רויטלט בלום אויף
ליינוואַנד.
פון זכרונות ס׳איז ביי מיר דער
שענסטער.
איך געדענק די שוועסטער ביי דעם
דעם פענסטער.
איך געדענקט מיך לויפן ביי די מילן,
דאָס העמדל קורץ און נאַקעט פיסלעך.
ווי פיסלעך צאַפּלען די געפילן.
איך געדענק מיך לויפן ביי די מילן..״

יוסף פרעסמאַן, פּאַריז, 1952.

יוסף פּרעסמאַן, מיר שיינט, האָט געהאַט מער דערפאַרונג מיטן שרייב־פענדל ווי מיט דער פען פון ליד. די צייכענונג פון דעם פרויען־קעפּל, וואָס איז מסתמא פון זיין שוועסטערל, איז פּרעציזער און שלימותדיקער ווי דאָס אומדערפאַרענע

ליד. עס הינקט נאָך אַביסל הינטער מיטן לשון און מיט פּאָעטישער טעכניק. אָבער דין און איידל איז די עמאָציע, צאַרט דאָס געפיל. מיט עטלעכע קליינע אויסבעסערונגען קומט דאָס ליד אַרויס איינס פון די נאָסטאַלגישסטע לידער...

אין דאַנקבאַרקייט פאַר דער דאָזיקער מתנה צו מיר, האָב איך געשריבן צו הענעך קאָן פאָלגענדן בריוו:

מיין טייערער פריינד הענעך קאָן:

איך בין געווען שטאַרק גערירט פון אייער שיינער מתנה: איך מיין די צייכענונג און דאָס ליד פון יוסף פרעסמאַן. איך בעט צו גאָט אַז דער דאָזיקער איידעלער קינסטלער זאָל לעבן. די צייכענונג איז געצייכנט מיט דער דינקייט און ריינקייט פון דער ליניע וואָס געהערט בלויז צו דער זיכערער האַנט פון אַ געניטן קינסטלער. עס איז אַוודאי אין מעמאָרים (לזכרון) פון אַן ערשטער געליבטער, צי פון אַ דינעם און אויסערגעוויינלעכסענסיטיוון מיידל וואָס דאָס אויג פון אַ קינסטלער האָט אויפגעכאַפּט ערגעץ אין אַ שפּעט־ביינאַכטיקער קרעטשמע און אַריינגעפלאַמט אין זיין זכרון אויף אייביק...

אויך דאָס ליד האָט מיך טיף גערירט. עס איז דערינען אָפּגעבראַכן געוואָרן אין דער דינסטער, לירישער און נאָסטאַלגישער שטימונג — אַ וווּנדערלעכער, אַ געלייטערטער צייט־טראָפּן, אַ מאָמענט פון אַן אמתדיקן דיכטערס לעבן. די ווייך־לירישע שורות דערגענצן די צייכענונג. און אויך פאַרקערט: די צייכענונג קרוינט דאָס ליד..

מיין פריינד הערשל דאַנילעוויטש האָט עס איינגעראַמט אין אַ הילצערנעם רעמל. נאָר ביי מיר איז עס אויף תמיד איינגעראַמט אין האַרצן, ווייל עס קומט פון דעם שיינעם מענטש און גרויסן קינסטלער הענעך קאָן.

מיטן גאַנצן האַרצן פון אייער פריינד,
שיע טענענבוים.
ניו־יאָרק, 23טן אָקטאָבער, 1954.

* * * * *

און איצט, וועגן דעם פערטן ליד:

אַנומלט, נאָכן פאַרברענגען כמעט דעם גאַנצן טאָג אין דער טומלדיקער גאַס, „די אויערן פול מיט טומל", ווי אַדאַם מיצקעוויטש האָט געשריבן אַהיימקומענדיק אין אָוונט פון די פּאַריזער גאַסן, און נאָכן באַזוכן קונסט־געשעפטן און מאָלערײַ־גאַלעריעס, בין איך צוגעגאַנגען צום צענטראַל־פּאַרק. עס איז געווען אַ שטילער לירישער פאַרנאַכט. די טונקלקייט פון בין־השמשות האָט אָנגעהויבן פּאַוואָליעדיק צוצופאַלן ווי עס וואָלטן זיך אויסגעגאָסן קרישטאָלענע טינטערס מיטן נאַכטישן טינט. אַרום יעדן בוים און יונגן קוסט האָבן זיך פאַרצויגן שטיקער ווייכע וואַטע און שפּינוועבס פון זייד. איך האָב שוין זינט לאַנג נישט געהאַט צוגעזען ווי עס פאַלט צו אַזאַ פאַרבענקטער צו דער רויקייט פון דער ערד דער שטילער און איינזאַמער פאַרנאַכט. האָב איך דעריבער געהאַלטן די אויגן אָפן צום דאָזיקן פּאָעטישן פּראָצעס פון ווערן אָוונט. אַזוי ווי טונקעלע רויזן־בלומען וואָלטן געפאַלן איבער דער לאַנדשאַפט און זיי האָבן אַלץ פאַרהילט מיט זייערע טיולענע בלעטער...

איך האָב זיך דערמאָנט אַז דאָס לעצטע מאָל וואָס איך בין דאָ געזעסן, בין איך געווען צוזאַמען מיט מיין טייערער פריינדין... עס איז מיר איצט געוואָרן טייער און באָענט דאָס האָלץ פון דער גרינער הילצערנער באַנק. אויך דאָס בערגל וואָס איז פאַרהילט מיטן באַשײַדענעם גראָז, האָט מיך נאָבל דערמאָנט אין איר. אַ בוים האָט נאָך געבריט און ווי געבליט מיט די לעצטע זון־שטראַלן... און אין דאָזיקן דערהויבענעם מאָמענט פון ליבע, נאָסטאַלגיע און פּאָעטיש־רעליגיעזן געפיל, איז ביסלעכווייז אויף מיר געפאַלן אַ טיפע רויקייט, צו וועלכער איך בין געווען דאַנקבאַר. איך בין עפּעס ווי איינגעשלינגען געוואָרן אין דער שטימונג פון אייביקייט. איך בין ווי אַרויסגעוואַקסן און אַרויסגעגאַנגען פונעם ריין־ערדישן. עס איז מיר געווען אַזוי גוט צו זיצן צווישן הימל און ערד און צו דערפילן דעם אָטעם פון אייביקער צייט וואָס האָט נישט קיין פריער און קיין שפּעטער. איך האָב געוואָלט אַזוי שטאַרק אַריינעמען אין זיך וואָס מער פונעם דאָזיקן עטערישן און מיסטישן געפיל.

יעדער טראָפּן אייביקייט וואָס אַ מענטשלעכער מלאך האָט איבער מיר געגאָסן פון אַן ערדענעם טאָפּ אָדער פון אַ פּאַרפיום פלאַקאָן איז געווען זיס און זאַפטיק ווי באַלזאַם פון הימל אָדער מן פאַר דער נשמה...

איך האָב מיט זיך געהאַט אַ זאַמלונג לידער „אָפּקלייב”, וואָס דער הויך־טאַלאַנטפולער פּאָעט בעריש ווייַנשטיין האָט פּעריאָדיש אַרויסגעגעבן. איך האָב געמישט די בלעטער און איך האָב אַזאַ באַרויקטער געלייענט די לידער פון יידישע דיכטערס. נאָר ביי איין ליד בין איך געבליבן שטיין, מחמת דאָס ליד האָט אויסגעדריקט פּרעציז און קלאָר די שטימונג אין וועלכער איך האָב זיך אין דעם דאָזיקן פאַרנאַכט געפונען. עס איז געווען אַ ליד פון דעם דיכטער לייזער אייכנראַנד. עס הייסט: „אין טאָג פון דיין געבוירן”.

„אין דיינע שטילע אויגן
הייבן זיך אָן די בלויע וועגן פון די שטערן.
פון דיינע ריינע טרערן
גייט אויף דער טוי פאַר פרילינגדיקע קאַיאָרן.
פון דיינע ווייסע פינגער
צעהעלט זיך תמיד דער הימל פון אַיעדער מיינער פרייד.
דו ביסט גאָטס שענסטע רגע;
דיך האָט ער פון זיינס אַ בלויען שבת־שמייכל באַשאַפן...”

דאָס ליד נייטיקט זיך נישט אין קאָמענטאַרן. קיין שום קריטיקער קען דאָ גאָרנישט מער צוגעבן און נישט באַלייכטן. ער קען עס בלויז קאַליע מאַכן אָדער ווי טאָן די שורות. וואָרים דאָס ליד לייכט מיט זיין אייגענעם ליכט און שיינקייט. ווער עס לייענט עס, ווערט באַוויכטן און באַשיינט מיטן גלי פון ליבע און פּאָעזיע. איך האָב שוין זינט לאַנג נישט געלייענט אַזאַ עכט ליבע־ליד. פון יעדער שורה טריפט מיט טראָפּנס צאַרטקייט, מיט יענע נאָבעלע געפילן וואָס זיינען באַקאַנט צו אַ יינגן מענטש. עס איז ווי אַ תפילה. עס האָט נאָך די נאַאיוויטעט, די תמימות פון יענעם גרויסן ליד פון ליבע — מיר מיינען שיר השירים. דער דיכטער לייזער אייכנראַנד איז אַ קינד פון קראָוו, אַ שטעטעלע אין לובלינער גובערניע, וואָס איז מיר שטאַרק נאָענט, ווייל מיין מאַמעס משפחה שטאַמט אָפּ פון יענע קאַנטן...

איך בין לאַנג געזעסן אין צענטראַל־פּאַרק מיטן ליד און מיט מיין שטימונג אין האַרצן...

* * * * *

די פיר ציטירטע לידער האָבן מיך נישט געלאָזט רוען. איך האָב זיי געמוזט פאַרצייכענען און אַריינגעמען אין מיין אייגענעם וואָרט־פאַרמעגן. איך האָב זיי געמוזט פאַראייגענען. און איצט, נאָכדעם ווי איך האָב דאָס מקיים געווען, דאַנק איך און לויב דעם אויבערשטן, און איך שטעל אַ פונקט אויפן פּאַפּיר...

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

איש יאיר / מאָנטרעאַל

# בלאָזט שופר אויף אַפּצער!

וווערטער צעשמיצט
איבער הורבעס קויטיק שניי —
אַרויסגעוואָרפענע רייד.
אפילו טייבעלע־שכינה,
וואָס, אין חורבות פאַרלאָזטע,
טוט יעמערלעך וואָרקען, פּאַרוויסט,
איז טויב צום געליימטנס כליפּען און וויי.

זידט־זינגט די גמרא:
„דריי משמרות טוען שפּאַלטן די ביטערע נאַכט;
פּחד שוידערט־אויף יעדן משמר, יעדע וואַך;
דערציטערט — די וועלט — דאָס געבריל פונעם לייב;
׳וויי, מיינע קינדער, כ׳האָב פּאַרוויסט דאָס געצעלט;
אַ גלאָווניע — דער היכל; מיין שם איז געשענדט;
צעשטויבט, איבער תפוצות פון אומדערבאַר׳מיקער וועלט,
צישן פּאַרצוקיקע וועלף, ווערט איר, ווינד מיר, פאַרלענדט!׳"

ביי דער ערשטער אַשמורה, רעוועט האַרבער דין.
צו דער צווייטער, ריטשען, סטרא־אחראס הינט.
תחילת שאַריי פון דער דריטער אַשמורה,
שפּרעכט־צאָפּ, מוטער־רבקה, דעם עי״ן פון דין —
שד״יס פּאַטעקע־טריף, טוט שוין זייגן ישורון.

צום אור־החיים, נייגט, יידן, אַן אויער:
אַז זון* בילט אויף זון, ז׳דער מלאך־המוות, אין טויער;
די זקני־התוספות דערבליקן זיין ציען צום מויער;
רבנן, אין משנה, האָבן געחזרט מיט אונדז:
סע יאָמערן זין, אוי, ר׳איז שטאָט־באַלעבאָס...
ליובען זיך זין — לוסטיקט ליאַנאָווערס שטראָז.

גערונענער טאָג קושט די זוים פון דער נאַכט,
שפּרייט פּראָסטיקן הימל, געבליאַקעוועט־בלאָ.
פאַרשטענדיקער שוויגער — פאַרשעמט, אויסגעלאַכט
פון פאַרגליווערטער עדה אין אָפּגעטייטעטער שעה.
טויבע — די זקנים; אָנצונגיק — וואָס יונג.
נישט פאַרמיידן דעם ווידערבראָך, וועט אַ ניכטערע לונג.



ליובאַ גילינסקי : „שטיל-לעבן״

---

בלאָזט שופר אויף אָפּצער, רופט־אויס אַן אסיפה;
מיט יאָמער, שפּאַלט הימלען, וואָרן ס׳ציט־אָן דער בראָך;
אויף שארית־ישורון, אַ פאַרלענד — נישט געדאַכט.
גריילעך, אַז ס׳טייבעלע־שכינה ט׳פאַרנעמען
געליימטנס וואַרג־כליפּען און שטומען געשריי,
און מבטל גזר־דין זיין, מיט עניוותדיק וואָרט,
וואָס, צעשמיצט האָבן שפלים, איבער קויטיקן שניי.

---

*) כלב=בן=נ״ב, אי אַ שם, אי אַ זון; פאַראַן אַ כלב דקדושה
.. און, השם ישמרנו, אַ כלב דטומאה.

אריה פאָזי

# מענטש אין ירידה, עליה און נצחיות

ס׳ווערט אָנגענומען, גערעכט אָדער אומגערעכט, אַז מענטש איז דער בחיר היצורים, און אַ בחיר איז ער דערפֿאַר וואָס ער פֿאַרמאָגט די פֿעיִקייט צו דענקען אַבסטראַקט און, באַזונדערס, די פֿעיִקייט צו באַטראַכטן אָביעקטיוו סיי זיך אַליין און סיי זיין אייגענעם מין צו קענען פֿאַרשן דעם כוללדיקן ענין פֿון מענטש און באַשאַף, אים אַנאַליזירן, פּרוּוון אים צו פֿאַרשטיין.

דערביי שטויסט זיך אָן מענטש אויף די אַלערליי סתירות וואָס זיינען אין אים פֿאַרהוילן. קודם זיין דואַליזם: זיין חומריות, פֿון איין זייט, וואָס מאַכט אים ענלעך, און אפֿילו אידענטיש, צו חיה, און זיין רוחניות, פֿון דער אַנדער זייט, וואָס שיידט אים אויס פֿון חיה.

די עיקרדיקע געמיט־פּלאָנטערנישן פֿון מענטש און דער מקור פֿון זיינע פֿריידן און ליידן, פֿון זיין סאַמע יוגנט און ביז זיין טיפֿן עלטער, ציט זיך טאַקע פֿון זיין געראַנגל צווישן אָט די געפֿילן פֿון רוחניות און גשמיות, אַ געראַנגל וואָס הערט קיין מאָל ניט אויף — דער געראַנגל אין מענטש, ווי ס׳ווערט יידישלעך געטייטשט, צווישן דעם יצר הרע און יצר טוב.

דער יצר הרע, דאָס הייסט, די איינגעוואָרצלטע כוחות פֿון רישעות אין מענטש, זייַנען לויט זיינע באַגריפֿן, אויף וויפֿל זיינע באַגרענעצטע וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשטעלונגען קענען פֿעסטשטעלן — איינגעהאָפּטן אין אים זינט אָנהייב פֿון עוואָלוציע. אָט די כוחות פֿון רישעות ווערן איבערגעגעבן צו מענטש בירושה פֿון דור צו דור זינט קדמוניות. דאָס הייסט, אין פּראָצעס פֿון דער עוואָלוציע פֿון מענטשלעכן מין, פֿון זיין סאַמע פּרימיטיוו און פֿאַרגעזעצט עד היום, האָט זיך אים נאָך ניט איינגעגעבן צו באַפֿרייען זיך פֿון דער ירושה פֿון די כוחות פֿון רישעות וואָס זיינען געווען נאַטירלעך אין דער פּרימיטיווער חיה פֿון וועלכער ער שטאַמט. דאָס הייסט, אַלעגאָריש גענומען, די קדמוניותדיקע חיה האָט דאָך ניט פֿאַרזוכט פֿון דעם עץ הדעת צווישן גוטס און שלעכטס, איז שלעכט געווען אַזוי אייגנטלעך צו איר ווי עס איז גוטס, און צווישן אָט די צוויי באַגריפֿן איז ביי איר ניט געווען קיין חילוק, ווייל זי האָט געהאַט בלויז איין איינציקן באַגריף, און דאָס איז: זעלבסט־הנאה און זעלבסט־פּרעזערוואַציע. און היות, לויט דער אָנגענומענער טעאָריע פֿון עוואָלוציע, מענטש שטאַמט פֿון חיה, טראָגט ער בירושה, אין זיין געמיט חיהשע אינסטינקטן, וואָס שיידן ניט אויס יצר הרע פֿון יצר טוב.

אָבער זינט מענטש האָט זיך גענומען אויסשיידן פֿון חיה האָבן אין אים זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אויך אויפֿלויכטנדיקע גייסטיקע כוחות, איבער־חיהשע, כוחות ריין־מענטשלעכע און אפֿשר אויך איבער־מענטשלעכע כוחות, וואָס פֿירן אים — ווי מיר וועלן עס אָנרופֿן — צו גאָטדערקענטעניש.

דער פּועל יוצא פֿון דעם: צוויי כוחות אין מענטש וואָס זיינען סותר איינס דאָס אַנדערע — גשמיות און רוחניות, און זיי פּלאָנטערן זיך צווישן אַנאַנד אין אַ געראַנגל ווי צוויי פֿיינדלעכע באַשטאַנדן.

און ווען אָט דער געראַנגל אַנטוויקלט זיך, איז זיין פּיין אָפֿט מאָל זייער שאַרף. ס׳איז דער געראַנגל ווען ס׳ווערט אָפּגעשאַפֿט די האַרמאָניע צווישן גוף און נשמה. מענטשלעכע פֿיזישע חושים זיינען איינגעהאָפּטן אין חומריות, אין דעם גוף, פֿון וואָס זיי זיינען אַ טייל, און זיי ווילן ליידנשאַפֿטלעך אויפֿהאַלטן אָט די חומריות, שטאַרקן און באַשיינען דעם קערפּער, פֿאַרשאַפֿן אים וואָס מער וואוילטאָג, פֿאַרגעניגן און הנאה, און זיי ציטערן איבער אים, אַז ער זאָל ניט פֿאַרשוואַכט ווערן, זאָל ניט אומקומען. גלייכצייטיק האַלט מענטש ניט ווייניקער טייער זיין רוחניות, זיין נשמה, ווייל זי וואָס מער דערהייבן, זי זאָל שטייגן פֿון מדרגה צו מדרגה, אַלץ העכער און העכער. און וואָס העכער עס שטייגט זיין נשמה אַלץ מער נחת־רוח פֿאַרשאַפֿט זיך מענטש.

דערבײַ שטרענגט זיך אָן מענטש צו שאַפן פרידן צווישן די בײדע קדמונדיקע כּוחות וואָס זײַנען אים אײַנגעהאַפּטן און וואָס זײַנען אַזוי סותר אײנע די אַנ־דערע. דאָס פירט צו דעם, אַז אין די געפילן פון מענטש קומט פאָר אַ שטענ־דיקער ג ע ר אַ נ ג ל, בכדי צו געבן פאַרשטײן זײַן גשמיות און רוחניות, אַז אין עצם זײַנען זײ ניט קײן שונאים צווישן זיך, נײערט, פאַרקערט, זײ זײַנען פאַרבינדעטע, אַזוי אַז צווישן זײ זאָל זיך אײַנשטעלן אַ האַרמאָנישער צוזאַמענלעבן, אַ שותפות פון וואָס זײ בײדע זאָלן קענען הנאה האָבן.

* * * * *

פון זינט גאָר קדמונישע צײַטן און ביז דעם מיטן פון 20סטן י"ה האָט מענטש געלעבט מיט דעם אויסבליק פון זײַן טויט ווי אַ יחיד. דערבײַ איז אַ סך געפאָרשט געוואָרן צי דער קערפּערלעכער אומקום פון מענטש באַטײַט אויך דער אומקום פון זײַן באַוווּסטזײַן, און אַ סך ראיות זײַנען אַרויסגעבערענגט געוואָרן, אַז מיט דעם אומקום פון דעם קערפּער ווערט גײַסט ניט פאַרלענדט, אַז ס'בלײַבט עקזיסטירן זעלבסטשטענדיק. השאָרת הנפש האָט באַקומען אַ וויסנשאַפטלעכע באַשטעטי־קונג. אָבער זינט אונדזער וויסנשאַפט האָט אויפגעדעקט די כוחות וואָס זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דער יאָדרע פון דעם אַטאָם און באַוויזן ווי זײ צו באַפרײַען, הײבט אָן דער גאַנצער מענטשלעכער מין צו לעבן מיט דעם אויסקוק פון דעם אומ־קום פון דער גאַנצער ביאָלאָגישער און פיזיאָלאָגישער ערדישער וועלט. דאָס איז אַ ראַדיקאַל נײַער גרויליקער אויסבליק.

פון אָנהײב, ווען די ערשטע אַטאָמישע באָמבע האָט אויפגעריסן אין נעוואַדאַ־מידבר, און שפּעטער, ווען אַט די גרוי־ליקע מחבלים האָבן אויפגעריסן איבער צוויי שטעט אין יאַפּאַן און דאָרט אומ־געבראַכט און פאַרדאָרבן צענדליקער טויזנטער מענטשן — האָט דאָס אויפגע־טרײסלט דאָס געמיט פון יעדן דענקענ־דיקן מענטש. דענסטמאָל איז נײַ געווען דער ענין אַטאָמישער וואָפן און דער פּחד פון דעם האָט באַהערשט דאָס געפיל פון יעדן דענקענדיקן מענטש. איצט אָבער האָט, צום באַדויערן, די נײַקײט פון דעם אָנגעהויבן אויסוועפּן זיך פונעם באַוווּסט־זײַן פון מענטש און דערמיט האָט זיך גענומען אָפּטאָן אויך זײַן פּחד. מענטש האָט זיך שוין צוגעוווינט צו אַט דעם מצב. די גרויליקע סכנה פון דעם ווערט אָבער ניט געמינערט. פאַרקערט, זי ווערט פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. זי האָט זיך אָבער אײַנגעשטעלט ווי אַ מין פאַטאַ־ליזם, אַ גרײַבטלעכע און שטענדיקע אײגנ־קײט פון מענטשלעכע באַדינגונגען און מענטשלעכן געדאַנק.

קײן רשע־מרושעס, קײן היטלערס און סטאַלינס פעלן ניט אויף אונדזער ערד. אַזוינע ווי די סכיזאָפרעניקערס־סאַדיסטן שטײען אויך איצט בראש און אין צווישן די הערשנדיקע שיכטן פון די מאַכטיק־סטע מדינות אויף דער ערד. ווער קען וויסן וואָס אײנעם פון פון זײ קען אַ מאָל אײַנפאַלן צו טאָן. אַ מאָל קען דאָך געשען אַז אין מטורפדיק־בײזוויליקער דריק איבער אַ מיליטערישן קנעפּל זאָל זײַן גענוג, אַז איבער דער ערד זאָל אָנהײבן האָגלען מיט אַטאָמישע גראַנאַטן, וואָס קאָן און וועט פאַרטיליקן דעם גאַנצן מענטשלעכן מין אין־אײנעם מיטן כּלל־לעבן אויף דער ערד.

* * * * *

לאָמיר אָבער האָבן אמונה אין מענטש, אַז ער וועט זיך פאָרט באַזינען און וועט ניט דערפירן צו אַזאַ עקסטרעם ווי אומברענגען זיך אַלײן אין אײנעם מיט זײַן סביבה דורך אַטאָמישן געווער. דאָס, לאָמיר האָפן, וועט מענטש פאַרמײַדן. נון, אַטאָמישער וואָפן איז מסוגל אומצוברענ־גען מענטש און די גאַנצע נאַטור וואָס רינגלט אונדז אַרום אין משך פון אַ קור־צער צײַט. דאָס, לאָמיר טאַקע האָפן, וועט מענטש ניט טאָן. מיר טאָרן אָבער דערבײַ ניט פאַרזען וואָס מענטש טוט יאָ, און טוט עס טאָג אײַן און טאָג אויס אָן אויפהער — ער פאַרדאַרבט זיך און פירט זיך צום אומקום, הגם ניט אין אַ קורצער צײַט, נײַערט לאַנגזאַם, דורך זײַן אײגע־נער אַנטוויקלטער טעכנאָלאָגיע.

עס ווײַזט זיך אַרויס, וואָס אַ טאָג אַלץ מער, אַז אַ סך פון די דערגרײכונגען וואָס זײַנען אַ טײל פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און ווערן אָנגעגעבן ווי אַ פאָרשריט לטובת דעם מענטשלעכן מין,

זיינען באמת אַנטוויקלונגען לרעת דעם מענטשלעכן מין בפרט, און לרעת דער ערדיקער נאַטור בכלל. אונדזער געזעל־שאַפֿט געפינט אויס, וואָס ווייטער אַלץ מער, וויפֿל איינריס און צרהדיקייט מיר האָבן — קולטורעל, פּסיכאָלאָגיש, סאָצי־אַל — מיט אונדזער אַנטוויקלטער טעכ־נאָלאָגיע.

די שוין ביז איצט אַנטוויקלטע טעכ־נאָלאָגיע, און באַזונדערס איר אומגע־הייערע אַגרעסיע און פֿאַרמעסט אויף להבא, האָט, אין איר סך־הכל, חרוב גע־מאַכט די פֿריערדיקע מקדמוניות איינגע־שטעלטע מענטשלעכע סאָציאַל־געזעל־שאַפֿטלעכע סביבה, געפֿירט מענטש צו פֿאַרלוירנקייט, אים אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ נייעם, פֿרעמדן, אומבאַקאַנטן לעבנסגאַנג, לעבנסאויסקוק און לעבנס־שאַך, אָפּגעלייקנט דעם פֿון פֿריער באַגרי־פֿענעם לעבנסזין, אָבער האָט קיין נייעם לעבנסזין ניט געבערענגט, און אויך ניט קיין נייע לעבנס־פֿאַרשטענדעניש, און ניט נאָר האָט עס ניט געברענגט קיין גלייכ־וואָג פֿאַרן מענטשלעכן געמיט, נייערט ס'האָט אַרויסגעבערענגט אַן אַ שיער צע־טומלעניש און פֿרוסטרירקייט, וואָס מענטשלעכער געמיט קען עס ניט איבער־קומען.

קודם, ער קען עס ניט איבערקומען פֿיזיאָלאָגיש, מחמת דער פּועל־יוצא פֿון דער אַנטוויקלטער טעכנאָלאָגיע איז: פֿאַר־סמטע לופֿט, פֿאַרסמט וואַסער, פֿאַרסמטע שפּייז, אומדערטרעגלעכער טומל, צע־שטערטע געמיטלעכקייט, אומקום פֿון נאַטור־שיינקייטן, אויסגעשפּרייטע און צעוואַקסענע שטעט, ווו געזעלשאַפֿטלעך ציילן זיך מענטשן אין מיליאָנען אָבער יחידיש איז יעדער מענטש מער עלנט איידער ער איז ווען עס איז פֿריער געווען.

דורך זיין אַנטוויקלטער טעכנאָלאָגיע האָט מענטש שוין באַוויזן צו באַטרעטן די לבנה. פֿאַר זיין וויסן איז עס אַן אומ־געהייערע דערגרייכונג. דורך דעם האָט מענטש אַריינגעקראָגן די גאווה, אַז ער קען גרייכן מרחקים אין חלל. ער האָט, לויט דער ביבלישער לעגענדע, פֿאַר־ענדיקט דעם געבוי אין פּלוין פֿון לאַנד שנער פֿון דעם טורעם מיט זיין שפּיץ אין הימל. האָט מענטש פֿיזיש די לבנה טאַקע באַטראָטן, אָבער, ווי רעאַקציאָנער דאָס זאָל ניט קלינגען, מענטש מוז פֿאַרט האָבן עגמת נפש פֿון דעם וואָס דערמיט האָט ער פֿאַרלוירן די ראָמאַנטישקייט וואָס די לבנה האָט אַ מאָל אים איינגע־טיילט. אַ פֿראַגע דערביי: פֿאַרן געמיט פֿון מענטש — מה יקר, וואָס האָט מער ווערט, אַנטוויקלטער וויסן אָדער פֿאַר־טיפֿטער געפֿיל? בפרט, אַז דער אַנט־וויקלטער וויסן איז נאָך אויך קיין וויסן ניט, מחמת וואָס מער מענטש דענקט, אַז ער אַנטפּלעקט סודות פֿון נאַטור, מוז ער זיך מודה זיין, אַז די דאָזיקע סודות ווערן פֿון אים אַלץ מער פֿאַרהוילן. און ווי אַ צוגאָב צו דעם קומט די ביינאַכטיקע עלעקטרישע באַלייכטונג פֿון די שטעט וואָס לעשט אויס די שטערן פֿון הימל. בלייבט שוין מענטש גרויליק עלנט — אַ קאָסמאָנאָט אין אומענדלעכן וויסטן חלל פֿונעם קאָסמאָס, אָן אַ לויכטנדיקן הימל — אַן עלנטער קאָסמאָנאָט אויף דעם פּלאַנעט ערד, וואָס זיין אַטמאָספֿער פֿאַר־דאַרבט ער וואָס אַ טאָג אַלץ מער.

בלויז עטלעכע ביישפּילן:

א) טשאַדנפּל („סמאָג" בלע"ז). ער פֿאַרשפּרייט זיך איבער דער ערד וואָס אַ טאָג אַלץ מער. ער מיידט ניט אויס קיין אייך אינדוסטריעלע שטאָט. און פֿון די שטעט פֿאַרשפּרייט ער זיך איבער לענ־דער, איבער ימים, איבער בערג און טאָלן. די גאַנצע אַטמאָספֿער פֿון דער ערד ווערט פֿאַרדאַרבן און דורך דעם ווערט גע־שטעלט אין סכנה פֿון אומקום דער גאַנ־צער סיסטעם פֿון אונדזער לעבן, סיי פֿיזיאָלאָגישן און סיי באָטאַנישן.

ב) די כסדרדיקע פֿאַרסמונג פֿון אונ־דזערע וואַסערן דורך כעמישע און אַנ־דערע אינדוסטריעלע אָפּפֿאַלן, סיי טרינק־וואַסער, וואָס מענטש און חיה געברויכן, און סיי ים־, טייך־ און אָזערע־וואַסער ווו פֿיש ווידמענען זיך.

ג) אין חומש ווערט דערציילט, אַז ווען גאָט האָט באַשאַפֿן מענטש, האָט ער אים געבענטשט מיט דער ברכה פֿון „פּרו ורבו" — מערט זיך און פֿרוכפּערט זיך. נון, האָט מענטש אָט די ברכה שוין איצט דער־טריבן צו אַ מדרגה פֿון אַ קללה. דאָס

דערקלערט זיך דערמיט וואָס די פּרוכפּערקייט פון דער ערד צו באַשפּייזן מענטש איז באַגרענעצט, און אויב, ווי מ׳רופט עס, דער „אויפרייס פון מענטשלעכער מערונג" וועט פאַרגעזעצט ווערן אין משך פון די קומענעדיקע פּאָר צענדליק יאָר, וועט די ערד, אַריינגערעכנט די ימים, ניט זיין אימשטאַנד צו פּראָדוצירן גענוג שפּייז וואָס איז נייטיק פאַר מענטשלעכן געברויך. משמעות, מענטשן וועלן אויסגעשטעלט ווערן צו אוניווערסאַלן הונגער — מיט זיינע פּועל־יוצאס: מלחמות, עפּידעמיעס און אַנדערע פּלאָגן.

אין אָנבליק פון אַזעלכע אַנטוויקלונגען ווערט במילא געשטעלט די האַרבע שאַלה: וועט אונדזער מענטשלעכער מין קענען איבערקומען, פיזיש און עמאָציאָנעל, די געענדערטע אומשטאַנדן וואָס אונדזער ציוויליזאַציע האָט אַנטוויקלט? וועט מענטש קענען אַנטוויקלען, איידער ס׳איז צו שפּעט, די חכמה און די נייטיקע מיטלען ווי צו פאַרוואַלטן און קאָנטראָלירן דעם סיסטעם פון טעכנאָלאָגיע, וואָס אַנטוויקלט זיך כסדר, אים אָפּווענדן פון דעסטרוקציע און אים פאַרווענדן פאַר נוצן, פאַר אייגענעם וווילזיין — ניט נאָר פיזישן וווילזיין, נאָר, באַזונדערס, אויך פאַר גייסטיקער שלימות און, לכל הפּחות, צופרידנקייט?

און אויך: וועט מענטש קענען קאָנטראָלירן, מהיום והלאה, זיין פּרו ורבו פּראָצעס?

ס׳איז באַשיימפּערלעך, אַז די כוחות, וואָס באַווירקן מענטש אַצינד, האָבן אַ היפּש ביסל אונטערגעגראָבן און צעשטערט דעם בנין וווּ עס איז געווען איינגעשטעלט אונדזער ביז־איצטיקע געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע אָרדענונג, אַריינגערעכנט אונדזערע באַגריפן אין שייכות מיט עטיק און עסטעטיק.

ס׳הייסט ניט, אַז די דאָזיקע צעשטערטע אָרדענונג איז געווען גוט און מיר דאַרפן זאָגן קינות אויף איר חורבן. פאַרקערט, זי איז געווען שלעכט, זייער שלעכט. פון דעסטוועגן האָט דורך איר זיך פאָרט אָפּגעצייכנט, הגם מטושטש, אַ וועג פאַר אונדזער לעבנסגאַנג, געגעבן אַן אָנווונק ווי איינצושטעלן די גרענעצן צווישן וואָס מענטש קען דערגרייכן דורך זיינע באַשיידענע פיזישע פינף חושים און די אומגעהייערע פאַרמעסטונגען פון גייסט.

דאָס איז להיפּוך צום גייסטיקן מצב אין וועלכן אונדזער מענטשלעכע ציוויליזאַציע האָט זיך איצט אַריינגעפּלאָנטערט. מענטש האָט איצט אין גאַנצן פאַרלוירן זיין גלייכוואָג. דערפאַר דער אוניווערסאַלער סאָציאַלער אומרו אין אונדזערע רייען. דערפאַר רעוואָלטירט אונדזער יוגנט, וואָס טוט איבערשאַצן די ביז איצט אָנגעגעבענע תירוצים אויף די גרויליקע פּראַגעס. וואָס מענטש טוט אַלע מאָל פרעגן: ווער זיינען מיר? וואָס זיינען מיר? וווּהין גייען מיר? וואָס פאַר אַ תביעות האָבן מיר צו מענטש, צו געזעלשאַפט, צו גאָט אַליין?

וויסנשאַפט איז איצט טאַקע געשטיגן צו אומגעהייערע הייכן, אָבער וואָס העכער זי שטייגט און וואָס מער באַקוועמלעכקייטן זי ברענגט צום שטייגערישן לעבן פון מענטש, אַלץ מער גליק טוט זי אָפּ פון זיין באַוווּסטזיניקייט.

נאָך אַ יישוב הדעת קומט מענטש צום באַשלוס, אַז ניט נאָר האָט די אַנטוויקלטע טעכנאָלאָגיע אים ניט פאַרשאַפט קיין הדווה, קיין מתיקות פון נשמה, נייערט, פאַרקערט, וואָס מער פיזישע באַקוועמקייטן ער דערגרייכט פאַר זיך, אַלץ מער ווערט ער גייסטיק פאַראָרעמט. און וואָס שייך דער אַבסטראַקטער השגה וואָס מיר רופן אָן גליק, ווערט ער פון דעם אַלץ מער דערווייטערט.

דער געדאַנק דערביי איז, אַז אפילו ווען אַמאָל האָט מענטש געלעבט אין פאַלשקייט, אין פאַנטאַזיע פון אַן איינגלייבעניש אין גייסטיקייט, שטייט ער איצט אין ניט ווייניקער, אויב ניט אין מער, פאַלשקייט דורך איינגלייבעניש אין חומריות — די חומריות וואָס זיינע עבודה זרה כוהנים רופן ווירקלעכקייט און פאָדערן אויף מענטשלעכן געדאַנק צו ווערן ראַציאָנעל.

אָבער וואָס שייך נאַטור און דעם עצם פון מענטש פרעגט זיך: וואָס איז ראַציאָנאַל? ווו געפינט זיך דער דאָזיקער „ראַציאָנאַלער" דענקער, וואָס קען קאַטעגאָריש באַשטימען, אַז אין לעבן פון מענטש און אין אויסדרוק פון נאַטור איז רעאַל וואָס

די חושים פון מענטש באַטראַכטן פאַר פיזיש און וואָס דער געדאַנק און געפיל פון מענטש באַטראַכט פאַר גייסטיק און איינגלייבעניש?

זינט מענטש האָט זיך דערהויבן פון זיין חיהשן פרימיטיוו און האָט אין זיך אַנט־וויקלט די פעיקייט פון אַבסטראַקטן גע־דאַנק, האָט ער דערגרייכט די דערקענ־טעניש אַז וועלט פאַרמאָגט אַ גייסטיק לעבן, אַ סביבה וואָס איז מער אַרומ־נעמענדיק, מער כוללדיק פון דער מאַטע־ריאַליסטישער סביבה וואָס איז אונדז באַקאַנט דורך אונדזערע פינף חושים. אינעווייניק און אַריבער דער דורך די חושים דערקענטער מאַטעריאַליסטישער וועלט געפינט זיך דער מער פאַרטיפטער, מער אַלגעמיינער פרט פונעם קאָסמאָס — די וועלט פון גייסטיקן לעבן.

ס'איז שוין פון לאַנג באַוויזן געוואָרן דורך גבית עדות, אפילו פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך וויסנשאַפטלעכע פאַרשונ־גען, אַז די וועלט פון רוחניותדיקן לעבן איז ניט אָפּהענגיק פון דעם קיום פון דער מאַטעריעלער וועלט, הגם ס'איז אויף אַ וועלכן ס'איז — דערוויל נאָך געהיימען — שטייגער יאָ באַהאַפטן מיט אָט דער וועלט. און די גייסטיקע וועלט איז איינ־געשטעלט ניט אויף איין מדרגה, נייערט אויף אַן אַ שיער מדרגות, ביז דער אומ־ענדלעכקייט פון זאַכן. און מענטשלעך דאָ הי מאַטעריאַליסטיש לעבן איז אויך אַריינגערעכנט ווי אַ באַשטימטע מדרגה פאַרן גייסט. השאָרת הנפש באַטייט, אַז ווען גייסט באַפרייט זיך פונעם גוף, איז עס ניט אַן אומקום פון מענטש, נייערט זיין עליה צו אַ העכערער מדרגה. מיר באַגרייפן, אַז די מאַטעריאַליסטישע וועלט פירט אויס עפּעס אַ שליחות פאַר דער גייסטיקער וועלט. אין וואָס עס באַשטייט אָט די שליחות ווייסן מיר ניט. מיר וויסן אָבער יאָ, אַז לעבנסקוואַל קומט ניט אַרויס פון מאַטעריע, ס'קומט אַרויס פון גייסט.

מענטש, אין זיין תמצית, איז גייסט וואָס קאָנטראָלירט זיין חומריותדיקן אָר־גאַניזם. און אָט דער אָרגאַניזם איז פאַר זיך אַליין אויך אַ קאָמפּלעקס פון אויס־דרוק פון נידעריקערע און קלענערע לעבנס. דער קאָנטראָל פון גייסט איז ניט איינהייטלעך איבערן גאַנצן אָרגאַניזם און אויך ניט איבער אַלע פאַזעס פון כלל אָרגאַנישן לעבן. אין וואָכן לעבן פון מענטש קאָנטראָלירט גייסט דער עיקר די אויבערפלאַכלעכע געדאַנקען און געפילן, און האָט אַ קנאַפּערע השפעה איבער פאַרטיפטערע צענטערס וואָס זיינען צו־געפּאַסט צו אַ רוטין פון אַלגעמיינע בייטי־קייטן.

ווען מ'פאַרשט דעם פאַרטיפסטן טייל פון מענטש, דערגרייכט מען זיך צום אייגנטלעכן קוואַל פון זיין וויטאַליטעט. מ'קומט אַריין אין אַ געביט פון מער פאַרשטאַרקטער שפּירעוודיקייט צו דעם גייסט וואָס איז אין אים אַריינגעטאָן.

און דאָ קערן מיר זיך ווידער צום געביט פון טעכנאָלאָגיע.

אין פאָלקלאָר — ניט נאָר אין יידישן נייערט אויך אין דעם פון אַנדערע פעל־קער — איז באַקאַנט די געשיכטע אַז צו מענטש קומט דער טייוול — יידן רופן אים דער שטן, אַנדערע רופן אים מעפיס־טאָפעל אָדער אַנדערע נעמען — און ער באָט אָן צו מענטש אַלערליי הנאות און תענוגים פאַר דער פּרייז פון זיין מענטש־לעכער נשמה.

זעט אויס, אַז אַנטוויקלטע מענטשלעכע טעכנאָלאָגיע און דער מענטשלעכער סאָ־ציאַלער איינשטעל אויף דיאַלעקטיש מאַ־טעריאַליסטישע פּרינציפּן, איז דעם שטנס טריומף וואָס ער קריגט אַריין די נשמה פון מענטש בכדי זי צו פאַרשלעפּן אין זיין כף־הקלע, אַנשטאָט וואָס זי זאָל זיך דער־הייבן פון מדרגה צו מדרגה צו הייכקייטן פון קדושה.

* * * * *

אין אַ יידישער אגדה ווערט דערציילט, אַז איידער גאָט האָט באַשאַפן אונדזער איצטיקע וועלט, האָט ער באַשאַפן אַ סך אַנדערע וועלטן, וואָס מיט דער צייט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז זיי טויגן ניט און ער האָט זיי חרוב געמאַכט.

פרעגט זיך: טויג די איצטיקע וועלט? איז וואָס שייך וועלט בכלל, ניט נאָר אוני־ווערס, נייערט אויך זיין קליין ברעקעלע שבברעקעלע וואָס איז ערד, ווערן וועגן זייער טויגעניש קיין שאלות ניט געפרעגט און קיין ענטפערס ניט געגעבן, אַזוי

איז עס ... אָבער וואָס איז דער אַ ז ו י ? דאָס האָט דערווייל קיינער ניט אויפגעקלערט. השערות זיינען דערביי אַלערליי, אָבער צו עטוואָס באַשטימטס איז מען נאָך דערווייל ניט צוגעקומען. די וועלט ווי זי אַנטפּלעקט זיך צו אונדזערע חושים און ווי מיר באַגרייפן זי לויט אונדזערע השגות און אַריבער אונדזערע פיזישע חושים, איז חידוש שבחידושים און פּלאי פּלאים — איז דאָך ניט שייך צו שטעלן קשיות וועגן דעם. מ'דאַרף עס קודם פאַרשטיין, וואָל לעת עתה האָט עס נאָך קיינער ניט באַוויזן צו טאָן.

אָבער מענטש, דער זעלבסט־געקרוינטער בחיר היצורים, וואָס איז אויך אַ טייל פון דער וועלט — איבער זיך פרעגט ער יאָ אַ סך האַרבע קשיות. ער פרעגט: אין דער אַלגעמיינער פעריפעריע פון וועלט — פאַר וואָס און צוליב וואָס איז ער? פאַרוואָס און צוליב וואָס זיין קיום? פאַרוואָס זיינעליידן, באַזונדערס זינט זיי ווערן אַזוי וויניק באַלוינט דורך פריידן? פאַרוואָס זיין ווערן בכלל, וויבאַלד ס'איז מחייב זיין אומווערן.

קיין צופרידנשטעלנדיקע תירוצים אויף די דאָזיקע האַרבע קשיות זיינען לעת עתה נאָך ניט געגעבן געוואָרן. דאָס הייסט, אַ סך תירוצים זיינען יאָ געגעבן געוואָרן, אָבער אָנגענומען ווערן זיי בלויז פון יחידי סגולה. בדרך כלל זיינען די דאָזיקע תירוצים באַגרינדעט אויף רעליגיעזע מאָטיוון. די יידישע מסורה פרוווט עס פאַרענטפערן מיט דעם, אַז מענטש איז בשום אופן ניט דאָס וואָס גאָט האָט מכוון געווען אַז ער זאָל זיין. גאָט האָט מענטש געגעבן אַ בחירה חפשית מיט דער כוונה אַז ער זאָל אויסדערוויילן נאָר גוטס, און מענטש האָט מורד געווען און געלאָזט זיך איבערגעוועלטיקט ווערן פונעם יצר הרע. דערפאַר האָט גאָט געברענגט אַ מבול אויף דער ערד, דערפאַר זיינען סדום און עמורה אומגעקערעגט געוואָרן, דערפאַר די חורבנות פון די צוויי בתי מקדש, דערפאַר מילחמות און חורבנות און רישעות אָן אַ שיעור אויף דער ערד.

נון, די יידישע מסורה האָט נישט געוווסט פון דעם גאַנג פון עוואָלוציע וואָס וויסנשאַפט האָט ערשט דעם לעצטן י"ה פאָרמולירט. פאַר דער יידישער מסורה איז די וועלט געברענגט געוואָרן אַ פאַרטיקע אַזוי ווי זי איז אַצינד. אָבער מיר איצט, וואָס שטיצן זיך יאָ אויף וויסנשאַפטלעכע היפּאָטעזעס און פאָרשונגען און וואָס נעמען יאָ אָן די טעאָריע פון עוואָלוציע, מוזן מיר צוגעבן, אַז ערגעץ ווו אין געשיכטע, ווען מענטש האָט זיך אויסגעשיידט פון חיהשן פרימיטיוו, אַז דענסטמאָל איז עפּעס פאָרגעקומען אַ פּגם, אַ כעמישער אָדער ביאָלאָגישער טעות אין זיין סובטילער אויספורעמונג. דערפון, הייסט עס, שטאַמט אַ מין אַריינפלוס אין מענטש פון אַ שטראָם פון משוגעת, און עס פאָלגט אים נאָך און פייניקט אים דורך זיין גאַנצער געשיכטע.

עס קאָן גרייכעך זיין, אַז דער הויפּט פּראָיעקטירער, פּלאַנירער און באַשעפער פון לעבן אויף דער ערד — מיר רופן אים ג אָ ט — האָט אין מענטש מכוון געווען דאָס סאַמע שענסטע און בעסטע, אָבער ערגעץ ווו — אַלעגאָריש גערעדט — האָט ער פאַרפעלט אַ שרייפעלע צו פאַרדרייען, אַן אָדערל אַריינצוהעפטן, אַ נערוו אַריינצוציען, און דאָס מאַכט זיין האָמאָ סאַפּיענס צו בלאָנדזשען איבער קרומע וועגן אפילו דענסטמאָל ווען ער זעט קלאָר פאַר זיך די גלייכע וועגן איבער וועלכע ער באַדאַרף טרעטן בכדי צו גרייכן פאַר זיך דער נחת־רוח וואָס ער טוט זיך ווינטשן.

אָבער האָמאָ סאַפּיענס פאַרמאָגט דאָך די מערקווירדיקע אייגנשאַפט און פעיקייט צו קענען איבערשטייגן זיין ביאָלאָגישע עוואָלוציע און צו פאַרגיטיקן זיך פאַר די פּגימות וואָס די נאַטור האָט אין אים אַריינגעגעבן. ער קען אפילו דערגרייכן אַ מדרגה פון צו קענען היילן אין זיך די בירושה צו אים איבערגעגעבענע פּסיכישע און גייסטיקע אומאָרדענונגען, וואָס האָבן געפירט צו חורבן פון מענטש, סיי אין עבר און סיי איצט, און פירן אים צו דער סכנה פון אומקום פון זיין גאַנצן מין און פון לעבן בכלל אויף דער ערד. און אויב ער איז נאָך ניט ביכולת דאָס אויסצוהיילן אין גאַנצן, קען ער דאָך לכל הפּחות אָפּשטעלן די דאָזיקע וויטערדיקע גרויליקע אַנטוויקלונג.

וועט מענטש גרייכן אָט די מדרגה?

* * * * *

פאַרשנדיק דעם גייסט פון מענטש שטויסט מען זיך אָן אויף אַ רעטעניש וואָס זי איז זייער שווער צו אַנטשיידן: מיט לפי ערך 25 הונדערט יאָר צוריק האָבן די גריכן אָנגעהויבן אויסלייגן אַ וועג פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג און דאָס האָט מענטש ביז איצט דערפירט צו אַ מדרגה אַזש צו קענען פליען אין דער לופטן, צו ראַדיאָ, טעלעוויזיע און אַנדערע וווּנדערלעכע מעכאַנישע און טעכנאָלאָגישע שאַפונגען און אפילו צו באַטרעטן די לבנה.

אָבער נאָך אַ סך פריער איידער מיט 2500 יאָר צוריק האָבן יידן שוין צוגעטראָגן דער וועלט די תורה מיט די עשרת הדיברות, און ביי אַנדערע אומות העולם איז שוין געשאַפן געוואָרן טאָאיזם, קאָנפוציאַניזם, בודהיזם און ענלעכע עטישע און רעליגיעזע תורות, וואָס באַדאַרפן גייסטיק ראַפינירן מענטש.

פרעגט זיך: ווי קומט עס, אַ בעת דורך וויסנשאַפט האָט מענטשלעכער פאַרשטאַנד געקענט פאָרויס גיין צו אַ מדרגה פון אַזוינע וווּנדערלעכע אַנטוויקלונגען, וואָס ברענגען אים אַזויפיל וויסן, אַזויפיל טעכנאָלאָגישע און מעכאַנישע געצייג, וואָס שאַפן פאַר אים אַזוי פיל לעבנסבאַקוועמלעכקייט און אויך שיינקייט — ווי קומט עס, אַז וואָס שייך גייסטיקן פאָרשריט האָט מענטש נאָך אַלץ ניט אויסגעטיילט זיך פון זיין פרימיטיוו און ער טוט נאָך עד היום זינקען צו אַזוינע גיהנומישע אָפּגרונטן ווי היטלעריזם, סטאַליניזם און זייערע טייוואָלאָנישע חברותות פון אַלע דורות זינט מענטשלעכע געשיכטע ווערט רעקאָרדירט. עס זעט אויס ווי פּראָמעטעוס, דער גריכישער לעגענדאַרישער טיטאַן, וואָס האָט געגעבן מענטש די מתנה פון פייער, דאָס הייסט, וויסן, מיט אַ צוגאָב פון קונסט, ער גרייכט שוין טאַקע די שטערן, אָבער מיט אַ פּוסטער מעכאַנישער הוויה אויף זיין פּנים און אַ גייסטיקער אויסגעלידיקטקייט אין זיין האַרץ...

ערגעץ־ווו מוז דאָך דערביי זיין אַ גרינטלעכע סיבה פאַרוואָס מענטש קען, פון איין זייט, פּראָגרעסירן אומגעהייער אויף אַלערליי וויסנשאַפטלעכע געביטן, איינגעמען די ערד און גרייכן אַזש די הימלען, און, פון דער אַנדער זייט, פאַרבלייבט ער גייסטיק אַזוי פרימיטיוו ווי ווען ער האָט זיך ערשט אויסגעשיילט פון חיה — פאַך וואָס פּראָמעטעוס גרייכט שוין די שטערן און משה רבינו מיט זיינע לוחות קען באָך אַלץ ניט אַרויסקומען פון מידבר.

אָט די גרויליקע סתירה אין מענטש פּרוּווט מען איצט פאַרענטפערן דורך דער טעאָריע פון ניוראָפיזיאָלאָגיע. אָט די טעאָריע באַציט זיך צו דער פאָרשונג פון מענטשלעכע געהירן, צו דער פאָרשונג פון די פונקציאָנעלע חילוקים צווישן די פילאָגענעטישע אַלטע טיילן פון מענטשלעכן מוח און די אַ סך שפּעטער אַנטוויקלטע טיילן, וואָס אָפט מאָל איז דאָ אַן אויסדריקלעכער צוזאַמענשטויס צווישן זיי. און היות זיין ווערן באין ברירה, געצוווּנגען צו לעבן בשכנות אין איין שאַרבן פון מענטשלעכן קאָפּ, איז עס אַן עקזיסטענץ וואָס איז אָנגעפילט מיט יסורים.

אינטערעסאַנט אין שייכות מיט דעם צו ציטירן דעם באַקאַנטן וויסנשאַפטסמאַן אויף אָט דם געביט, ד"ר פּאָול ד. מאַקלעאָן, וועלכער האָט אָט דעם ענין אויפגעקלערט אין אַ מאמר אין „דזשוירנאַל אָוו נערוואַוס ענד מענטאַל דיזיז". פון דער טעכנישער אָפּהאַנדלונג פון יענעם מאמר נעמען מיר אַרויס ד"ר מאַקלעאָנס אויספיר:

„מענטש געפינט זיך אין אַ קלעם דורך דעם וואָס בעצם האָט אים די נאַטור באַשאָנקען מיט דריי מוחות, וואָס ניט געקוקט אויף דעם וואָס זייערע באַזונדערע סטרוקטורן זיינען אין גאַנצן אַנדערש איינער פון אַנדערן, מוזן זיי פון דעסטוועגן פונקציאָנירן צוזאַמען און על פּי דחק זיינען זיי געצוווּנגען צו פאַרשטענדיקן זיך איינס מיט דאָס אַנדערע. דער עלצטער פון אָט די מוחות איז אין מענטש פאַרבליבן בירושה מקדמוניות פון עוואָלוציע און איז אין תוך אַ שרצישער; דער צווייטער קומט בירושה אויך מקדמוניות, אָבער שוין אַ סך שפּעטער אינעם גאַנג פון עוואָלוציע—פון די פּרימיטיווע זויגנדיקע חיות, און דער דריטער איז אַנטוויקלט פון די שפּעטערדיקע זויגנדיקע

חיות פון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען צורת מענטש, דער האָמאָ סאַפּיען. אַלעגאָריש גערעדט, וועגן די דאָזיקע דריי מוחות, קען געזאָגט ווערן, אַז ווען דער פּסיכיאַטאָר שלאָגט פאָר דעם פּאַציענט צו לייגן זיך אויף דער סאָפע, באַט ער אים אָן אויסצוציען זיך זייט ביי זייט מיט אַ פערד און קראָקאָדיל.״

אָבער ווען מיר וועלן אומבייטן דעם אינדיווידועלן פּאַציענט פון דעם פּסיכיאַטאָר אויף אַ קאָלעקטיוון פּאַציענט, דאָס הייסט, דעם כלל מענטשן־מין, און במקום דער קלינישער סאָפע וועלן מיר זיך פאַרטראַכטן מכוח דעם אַלגעמיינעם גאַנג אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, באַקומט זיך פאַר אונדז אַ גרויליק בילד. די שרצישע און פּרימיטיוו־חיהשע טיילן אין מענטשלעכע מוחות, זיי ביידע צוזאַמען האָבן זינט רעקאָרדירטער געשיכטע אַרויסגערופן און טוען אויך איצט אַרויסרופן — פאַרשטענדלעך מיט אַ סך אויסנאַמען — אין מענטש ווי אַ יחיד, און אין פאָלק ווי אַ קאָלעקטיוו, דאָס פּרימיטיווע חיהשע — אין רעוואָלט, היפוך און ווידערשפּעניקונג קעגן די שפּעטערדיקע דורך עוואָלוציע אָנגעוואַקסענע טיילן אין די מוחות וואָס שאַפן דעם אַנטוויקלטן מענטשלעכן געדאַנק און וואָס טראָגן די אַחריות, פון איין זייט, פאַר שפּראַך און, פון דער צווייטער זייט, און וואָס איז נאָך וויכטיקער — פאַרן אַבסטראַקטן און סימבאָלישן געדאַנק.

אָט די ביי־אָנגעוואַקסענע געהירן האָבן, לגבי דער געשיכטע פון ביאָלאָגיש־פיזיאָלאָגישן לעבן אויף דער ערד, אָנגעהויבן אַנטוויקלען זיך, לפי ערך, גאָר ניט לאַנג, אָבער אַנטוויקלט האָבן זיי זיך, לגבי עוואָלוציע בכלל, זייער שנעל. עס האָבן געדויערט אַ סך מיליאָנען יאָרן איידער פון שרץ איז אַרויסגעקומען צורת חיה; נאָך מיליאָנען יאָרן זיינען זיך פאַרלאָפן איידער פון פּרימיטיווער חיה האָט זיך אַנטוויקלט צורת מענטש; אָבער שפּעטער איז עס געגאַנגען היפּש שנעל — אפשר ניט מער ווי אַ האַלבער מיליאָן יאָר איידער פון דעם גאָר קדמון־מענטש איז אַרויסגעקומען דער איצט־מענטש. אָבער — און דאָס איז אונדזער טראַגעדיע: דער איצט־מענטש האָט נאָך אויך ניט באַוויזן אויסצוּוואָרצלען פון זיך זיינע אָריגינעלע קדמון געהירן — פון זיין סאַמע פּרימיטיוו ווי אַ שרץ, און פון זיין שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג, פון דער זויג־חיה.

עס זעט אויס אַז אין לעבנסגאַנג פון מענטש ווי אַ יחיד און אין דער מענטשלעכער געשיכטע ווי אַ כלל ציט זיך ווי אַ פּאַראַלעל, זייט ביי זייט, די נאַטור פון מענטש און פאָלק, וואָס, ווי ד״ר מאַקלעאָנס האָט זיך וועגן דעם אויסגעדריקט: „מענטש ליגט זייט ביי זייט מיט אַ פערד און קראָקאָדיל.״ און דערמיט דערקלערט זיך טיילווייז די גרויסע סתירה וואָס מיר טרעפן אָן צווישן עמאָציאָנעלן און אינטעלעקטועלן אויפפיר פון מענטש: בעת דער אינטעלעקט שאַפט — לאָמיר פאַר אַ משל אָנגעבן נאָר אייניקע געציילטע מענטשן פון גייסט וואָס שטייען ברומו של עולם: די נביאים, אַ הלל הנשיא, אַ רבי שמעון בן יוחאי, א רמ״ק, אַן אר״י הקדוש, אַ ישראל בעל שם טוב, און גייענדיק צו די אומות העולם: אַ בודאַ, אַ קאָנפוציוס, אַ סיינט פראַנציס פון אַסיזי, אַ טאָלסטאָי, אַ גהאַנדי, — קומט די עמאָציע און איז קאַפּאַבל צו פאַרסמען דעם מענטשלעכן מין מיט אַזעלכע אבי אבות הטומאה והרישעות ווי די אינקוויזיטאָרן פון מיטלאַלטער און די שוין מאָדערנע היטלערס און סטאַלינס און זייערע פילצאָליקע תליינים.

דערמיט דריקט זיך אויס מענטש צו זיין נאָך ערגער פון חיה. מענטש איז כמעט די איינציקע בריאה אויף דער וועלט וואָס באַגייט אָן אויפהער מאָרד פון אייגענעם מין. חיות פון איין מין קענען און טוען טייטן חיות פון אַנדערע מינים. און טאָן טוען זיי דאָס ניט פון הנאה וועגן נאָר צוליב שפּייזן זיך. זייערע קערפּערס זיינען אַזוי איינגעאָרדנט, אַז זייער נאָרונג באַשטייט בלויז פון פלייש פון אַנדערע חיות. בלויז קליינע אויסנאַמען צווישן זיי טוען מאָרדן דעם אייגענעם מין. און די מיינסטע פון זיי זיינען ניט חיות נאָר שרצים און אינזעקטן. פאַראַן מוראַשקעס וואָס פירן מילחמה צווישן זיך, אויך אייניקע מינים פיש וואָס

שלינגען איינע די אַנדערע. מענטש אָבער טוט יאָ טייטן מיטגלידער פון אייגענעם מין און טוט עס מיט התלהבות און אָן אַ שיעור. מענטש טוט אַפילו גלאָריפיצירן די קענטשאַפט פון טייטן דעם אייגענעם מין, די קענטשאַפט און קלוגשאַפט ווי צו פירן מלחמה און הרגענען מענטשן האָט זיך ביי מענטשן אַנטוויקלט ווי אַן אייגנאַרטיקע ציוויליזאַציע, ווי אַ גלאָריפיקאַציע, ווי אַ ריטואַל. און דאָס ציט זיך נאָך מקדמונים און אַנטוויקלט זיך וואָס אַ טאָג אַלץ מער.

אַפילו אַזעלכע ברוטאַלע זאַכן ווי מענטשלעכע קרבנות צו געטער און אַנדערע אַזוי־גערופענע גייסטערס איז ביז גאָר ניט לאַנג צוריק געווען איינגעפירט צווישן אַלערליי רעליגיעס, פעלקער און שבטים — אין דער אַלטער וועלט, אין דער נייער וועלט, אומעטום! ריטערן, אָפיצירן און אנשי מלחמה בכלל ווערן נאָך עד היום פאַרהערלעכט, געליבט און דעקאָרירט. מענטשן יחידים טוען מאָרדן איינע די אַנדערע „אומלעגאַל", און מענטשן ווי קאָלעקטיוון פירן מלחמות שוין יאָ „לעגאַל", טייטן איינע די אַנדערע אין די מאַסן און זיי שטאָלצירן נאָך מיט דעם. דאָס הייסט, צו דער איינגעבוירענער חיהשקייט אין מענטש קומט אויך אַ צוגאָב פון אַ מין מאָרד־משוגעת, אַ מר. האַיד פון דעם דר. דזשעקיל, וואָס שטייגט איבער אין אים די ווילדקייט פון סיי דעם שרץ און סיי דער חיה. פאַר אָט דער באַזונדערער משוגעת אין מענטש האָט דער פריער דערמאָנטער ד"ר מאַקלעין געגעבן דעם נאָמען סקיזאָפיזיאָלאָגיע.

פון וואַנען שטאַמט אָט די גרויליקע משוגעת אין מענטש? ווי מ'זאָל ניט וועלן אויפקלערן זי אויף פיזיאָלאָגישע יסודות, לייגט זיך עס נאָך אַלץ ניט אויפן שכל. פ י ז י אָ ל אָ ג י ע, אויף וויפל זי איז אונדז באַקאַנט, קען, על פי שכל, בשום אופן ניט אויפקלערן פאַרוואָס דער אומגעהייער אַנטוויקלטער אינטעלעקט פון מענטש, וואָס דערנעענטערט אים בזעיר אַנפין, צו מדרגות פון געטלעכקייט און קען, טעאָרעטיש, פירן אים צו פיזישער אומשטערבלעכקייט, — פאַרוואָס טוט אָט דער אַנטוויקלטער אינטעלעקט ניט ווירקן אויף זיין, דער מענטשלעכער, עמאָציע, וואָס פאַרדאַרבט אַזוי אַכזריותדיק זיין לעבן — יחידישן, משפחהדיקן און כלל געזעלשאַפטלעכן.

פרוווט מען עס פאַרטייטשן מיט דער הילף פון אַן אַנדער וויסנשאַפט: פּסיכאָלאָגיע, אויסצוגעפינען צי די מענטאַליטעט פון מענטש אַנטוויקלט זיך אומאָפהענגיק פון זיין פיזיאָלאָגישן געבוי. דערביי ווערן אַרויסגעברענגט אַלערליי השערות. לאָמיר דאָ אָנגעבן אייניקע פון זיי:

דאָס ערשטע, וואָס ווערט גענומען אין באַטראַכט, איז די אויף יאָרנלאַנג פאַרצויגענע אָפּהענגיקייט פון מענטשלעכן קינד פון זיינע עלטערן. ביי חיות איז דאָס קינד אָפּהענגיק פון זיינע עלטערן אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצע צייט: ביי אייניקע, ניט מער ווי עטלעכע טעג אָדער וויניקע וואָכן; ביי אַנדערע, אַ פּאָר אָדער עטלעכע חדשים, און דאָס לענגסטע איז אַ יאָר. אָבער ביי מענטש דויערט עס אַ סך יאָרן, אַפילו אַזוי לאַנג ווי צוויי צענדליק יאָר.

דאָס צווייטע, וואָס ווערט גענומען אין באַטראַכט, איז דאָס געפיל אין מענטש וואָס קומט צו אים בירושה פון דור דורות און וואָס איז אין אים איינגעגלידערט בדרך הטבע און ער קען אים פון זיך ניט אַרויסרייסן; אַפילו ווען ס'איז קעגן זיין באַוווסטזיניקן ווילן, אָדער קעגן זיין שכל הישר. אָט דאָס געפיל האָט זיך אין מענטש אַנטוויקלט און זיך איינגעזאַפּט אין זיין פּסיכיק אין די גאָר קדמונישע צייטן דורך דער אַבסאָלוטער אָפּהענגיקייט פון דעם גאָר קדמונישן פּרימיטיוון מענטשן פון דער שטיצע פון זיינע יעגערס מיטמענטשן קעגן די חיות וואָס זיינען שטאַרקער און פלינקער פון אים: דאָס איז געווען אַ געמיינזאַמע אָפּהענגיקייט וואָס האָט נאָך אין פּרימיטיוו געשאַפן שותפות צווישן מענטש און מענטש און וואָס דורך דעם האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט אַ שבטים־באַשטאַנד פון אחדות צווישן איין מעטש און אַנדערן פון זעלביקן קרייז, וואָס האָט מיט דער צייט געפירט צו שבטים־אָפּגעשיידקייט

(המשך אויף זייט 50)

# א הסתדרות
# אניואיטי טראַסט-קאָנטראַקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 20% (לויט די יאָרן)

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל-געינס"-שטייער אויף סעקיורידיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

## זייט איר פאַראינטערעסירט...

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 20% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, פּרעזידענט • אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 651-4892

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........................................................................

Address..........................................................................

Date of Birth..................................Soc. Sec. No..................................

Principal Amount $..........................................................................

Date........................Signature of Applicant........................................

(אַריה פּאַזי—המשך פון זייט 48)
און צו שבטים־אָפּגעזונדערטקייט — מיט אַלע זייערע שעדלעכע און רישעותדיקע פּועל־יוצאס.

מעגלעך אַז די דאָזיקע צוויי אָנגע־מערקטע אומשטאַנדן האָבן געפּורעמט מענטש צו ווערן וואָס ער איז—אַן איבער־געגעבענע און געטרייע ענגע משפּחה פּערזענלעכקייט.

בכן, נעמענדיק אין באַטראַכט די דאָ־זיקע צוויי אומשטאַנדן און אַרויסקומענ־דיק פון היסטאָרישן קוקווינקל — זעט אויס אַז מענטש האָט ווייניק אייגענע פּרייוויליקע בחירה, אַז זיין שטייגער דענ־קען און זיין אויפפיר איז אין אים אַריינ־געטאָן בטבע דורך זיין סאָציאַלער סביבה. ס'איז פּונקט אַזוי ווי זיין נאַציאָנאַלע אָדער עטנישע אידענטיטעט איז באַ־שטימט געוואָרן ניט דורך זיין אייגענעם ווילן, נייערט דורך דעם צופאַל פון זיין געבורט, פּאַרוואָס ניט דער יחיד טראָגט די אַחריות, נייערט זיינע עלטערן.

יעדער מענטש האָט זיך זיין אייגענעם באַשטימטן אני מאמין, אָבער דער אני מאמין איז ניט אַ פּועל יוצא פון זיין איי־גענער אַנטוויקלטער לאָגישער קריטיק. דאָ גילט ניט לאָגיק וואָס באַשטימט די אמונה פון מענטש, נייערט די אמונה ווערט אַריינגעגעבן פון דרויסן און זי צווינגט אויף אים אַרויף איר אייגענע לאָגיק—אפילו ווען אָט די לאָגיק שטימט ניט מיט זיין שכל הישר. און אויב, ווי עס טרעפט אָפט ביי דענקנדיקע מענטשן, די עיקרים פון זייער אני מאמין זיינען אין היפוך פון זייער לאָגישער קריטיק, מישט זיך אַריין דערביי זייער סקיצאָ־פיזיאָלאָגיע — די אייגעבוירענע משוגעת אין מענטש — און ער שטעלט צו דעם מאָדוס וויווענדי, דעם אַרומיקן סאָציאַלן שטייגער און ס'באַרעכטיקט דאָס וואָס די לאָגישע קריטיק באַטראַכט פּאַר אומבאַ־רעכטיקט, און ס'דערלויבט די קעגנערי־שע כוחות פון גלויבן און זינען געמיטלעך איינצולעבן זיך אין אים, הגם אָפּגע־צעמדט פון זיין אייגענעם לאָגישן דענקען.

אַזוי אַרום דאַרפן מיר אָננעמען, אַז דער קלעם פון מענטש און זיין צרהדיקייט באַשטייט דער עיקרשט אין דעם וואָס זיין אַרומיקע סביבה צווינגט אויף אים אַרויף די נייטיקייט צו אידענטיפיצירן זיך מיט אַ סאָציאַלער געזעלשאַפטלעכקייט אָדער/און אַ באַשטימטן סיסטעם פון גלויבן, רעליגיעזן אָדער וועלטלעכן, אפילו ווען ס'איז להיפוך צו זיין אייגענעם שכל הישר און ס'האָט קיין שייכות ניט צו זיינע פּערזענלעכע נייטיקייטן, באַדערפטיקייטן און ווילזיין.

דערביי קומט צום צום אויסדרוק די השפּעה פון אַ מין היפּנאָטישער אינטי־מער קרובהשאַפט, אַ מין טראַנס פון עק־סטאַטישן מצב, דער וווּנדער פון יחידישן און קאָלעקטיוון פּאַרשטעל, וואָס באַ־הערשט לעבן אין פּרימיטיווע און אפילו פּאָרגעשריטענע געזעלשאַפטן, מיט דעם פּועל יוצא פון מאַסן־היסטעריע — די פּאַרהוילענע ווי די אָפענע. ניט נייטיק צו מאַרשירן אין אַ המון בכדי אַריינצו־קריגן אַ המונישע מענטאַליטעט — דער סביבה־באַאיינפלוסטער מענטש ווערט אַ גלייביקער און איז פון דעם אַלע מאָל געפאַנגען.

דאָס פירט אונדז צום געדאַנק — ווי ניט־אָנגענעם אָט דער געדאַנק זאָל ניט זיין — אַז די צרה פון מענטש באַשטייט אין דעם וואָס ער איז צופיל איבערגע־געבן, צופיל געטריי. אפילו אַן אויבנ־אויפיקער געשיכטלעכער איבערבליק איבערצייגט אונדז, אַז אינדיווידועלע פּאַרברעכנס, וואָס ווערן באַגאַנגען איבער בייזן ווילן, האָבן קיין באַטרעף ניט אין דער טראַגעדיע פון מענטש לגבי די פּאַר־ברעכנס פון געזעלשאַפטן וואָס ברענגען אום מענטשן אין פילצאָליקע מיליאָנען איבער דער פאַנאַטישער איבערגעגעבנ־קייט און געטריישאַפט צו אַ באַשטימטן שבט, וואָס מענטשן אידענטיפיצירן ווי פאָלק, צו אַ באַשטימטער דינאַסטיע, צו אַ רעליגיע אָדער אידעאָלאָגיע.

בדרך כלל — און דאָס איז אונדז גענוי באַקאַנט — ווערן מלחמות געהאַלטן ניט פאַר די געווינסן פון די יחידים פון דער אומה וואָס פירט די מלחמה, נייערט מחמת אַלערליי אַנדערע אויפגעברויזטע סיבות און מאָטיוון וואָס האָבן באַשטימט קיין שום ווערט ניט פאַרן יחיד — און אפילו ניט פאַר דער געזעלשאַפט — ווי, למשל,

לאָיאַליטעט און איבערגעגעבנקייט צו אַ קעניגלעכער דינאַסטיע, אָדער, וואָס מ׳גיט אַ נאָמען פּאַטערלאַנד, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע בלינדע גרונטמאָטיוון, סימבאָלן אָדער השפּעות.

פֿאַלש איז די טעאָריע, אַז מלחמות אַנטשטייען אָדער ווערן אַרויסגערופן, דורך דעם אויפברויז, דורך דער פֿאַרשטיקטער אַגרעסיווער ענערגיע אין פֿאָלק וואָס זוכט פֿאַר זיך אַן אויסגאַנג. דער זעלנער וואָס קעמפט אין מלחמה האָט באמת זיין שונא גאָר ניט פֿיינט און ער ווייסט אפילו ניט פֿאַר וואָס ער ווערט געפירט אין שלאַכט. ער ווייסט נאָר, אַז ער מוז טייטן בכדי אַליין ניט געטייט צו ווערן, אָפט מאָל קעמפט ער אפילו ניט פֿאַר טעריטאָריעלן באַזיץ. ער ווערט אויפגעברויזט דורך פּראָפּאַגאַנדע, פּאַטריאָטישע לאָזונגען, סאָציאַלע מאָטיוון — מערסטנס דורכויס אַבסטראַקטע ענינים. מלחמה איז טאַקע שנאה, אָבער — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען — מלחמה ווערט געפירט איבער ליבע: ליבע פֿאַר אַ באַשטימטן אידעאַל, ליבע צו אַ פירער, ליבע צום פּאָטערלאַנד, ליבע צו אַ וועלכן ניט איז אַנדער סימבאָל.

מענטש איז די חיה וואָס ציט איר יניקה פֿון סימבאָלן. און דער שטאָלצסטער און געפערלעכסטער פֿון זיינע סימבאָלן איז זיין שפּראַך. ניט נייטיק דאָ איבערצוחזרן די לויבגעזאַנגען וואָס ווערן אויסגעגאָסן צו שפּראַך. די דאָזיקע לויבגעזאַנגען ציען זיך פֿון אַלעמען און פֿון אומעטום. אָבער די שפּראַכן האָבן אויך זייערע סכנות וואָס טאָרן ניט בידערגעשאַצט ווערן. שפּראַך פֿאַרבינדט מענטשן אין אַ באַשטימטער עטנישער גרופּע, אָבער גלייכצייטיק טיילט זי אויס איין עטנישע גרופּע פֿון דער אַנדערער. און פּירוד הלשונות פֿירט אויך צו פּירוד הלבבות.

* * * * *

ווי פריער דערמאָנט, מענטשלעכע געהירן האָבן אין זיך פֿאַרהוילן דריי זינענס, וואָס האָבן זיך אין אים אַנטוויקלט און פֿאַרבליבן בירושה פֿון סאַמע אָנהייב פֿון עוואָלוציע און ביז איצט: דער מאַרך פֿון אַ שרץ, פֿון אַ פּרימיטיווער חיה און פֿון אַנטוויקלטן מענטש, און זיי לעבן זיך אייך אין אים צוזאַמען און שאַפֿן אין אים די גרויסע סתירות פֿון זיין כאַראַקטער. צו דער טראַגעדיע פֿון אַנטוויקלטן מענטש דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן זיין אַנטפּלעקונג פֿון דער אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון פיזישן טויט. טויט זעט מענטש פֿאַר די אויגן, ס׳באַגלייט אים אויף יעדן שריט און טריט. מענטש וויל עס אָבער ניט אָננעמען. ער קען ניט אַסאָציאירן זיין פיזישן קיום מיט זיין אַבסטראַקטן דענקען און מיט זיינע טיפֿע געפֿילן. זוכט ער אויסצוטיילן זיין אַבסטראַקטן באַוווסטזיין, וואָס איז אומבאַגרענעצט, פֿון די באַגרענעצטע פיזישע פֿונקציעס פֿון זיין קערפּער. ווער עס געפֿינט עס, איז וווּיל צו אים, ווייל דערמיט געפֿינט ער אַ זינען אין לעבן; ווער עס געפֿינט עס ניט, בלאָנדזשעט ער אין דער פֿינצטער און פֿינצטער און זינלאָז איז זיין לעבן.

דאָס אַלץ איז זייער מענטשלעך. דאָס איז וואָס טיילט אויס מענטש פֿון חיה. דאָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פֿון דריטן מוח אין מענטש, דער דריטער שיכט, וואָס איז אָנגעוואַקסן איבער די צוויי אונטערשטע שיכטן — פֿון שרץ און פּרימיטיווער חיה.

דער וויכטיקסטער געביט וואָס צייכנט אויס מענטש פֿון חיה איז זיין פֿעיקייט צו קענען באַטראַכטן אָביעקטיוו סיי זיך אַליין און סיי דעם אייגענעם מין, זיך פּרוּוון אַנאַליזירן, זיך פּרוּוון פֿאַרשטיין און, לכל הפּחות, זיך פֿאָרשן.

מענטש האָט אמונה אַז ער האָט בחירה חפשית. ס׳איז אָבער ניט אמת. מענטש האָט טאַקע טועם געווען די פּרוכט פֿון עץ הדעת טוב ורע, ער האָט אָבער דערוויל נאָך ניט געגעסן די פּרוכט פֿון עץ בחירת טוב מרע.

משיח וועט אפשר מיט דער צייט יאָ קומען, אָבער פֿאַר דעם איז דאָ אַ באַשטימטער תנאי: דער דור דאַרף קודם ווערן כולו זכאי.

מאַרטין בירנבוים / ניו־יאָרק

# דריי לידער

## אין דער פינצטערניש...

בלויז איינמאָל
בין איך אויף דער וועלט
און כ'וואָלט וועלן וויסן —
וואָס איז פון מיין זיין דער זינען?!
איך ווייס —
מענטשן גייען אום אַ לעבנלאַנג
פאַרשטעלט,
יעדער מיט זיין דרויסנדיקן פנים,
און זיי זוכן ניט,
און שרעקן זיך,
דעם זין פון זיך אַליין געפינען.

נאָר אַנדערש איז —
איך מיין —
די נשמה פון פּאָטן,
און פון איטלעכן מסתם
וואָס פון זייך פּען
עס פליסן טויזנט פראַגע־צייכנס...
זיי רייסן מאַסקעס אָפּ
פון זיך אַליין;
זיי רייסן זיך די הויט —
דאָס פלייש—ביז די סקעלעטן—
זוכנדיק דעם זין פון זיין;
זוכנדיק אַן אמת צו דערגרייכן...

און אינעם זוכן ווערט דער וואַלד
אַלץ דזשונגלדיק־געדיכטער
און ס'הויערט אָן
דאָס בלאָנדזשען דורך די לאַבירינטן...
און דער אָנשטעל,
און די מאַסקעס
נעמען פאַלן פון געזיכט,
און מען דערזעט זיך
מיט די קאַרבן און די קנייטשן
און מען שטייט פאַר זיך אַליין
מיט דער הויט דער אָפּגעשינדטער.
צי האָט מערער
ווי צום בייק
דערגראַבלט זיך די פען?
צי האָט זי דערגראָבן זיך
צו די נשמה־דנאָען?
צי איז פרויד דערגאַנגען
צו די גרונטן
פון דעם פאַרוואָס און דעם פאַרוועןן?!—
פון די פינצטערנישן הער איך—
ניין!
און אַ גיריק קראַקען אויך
פון ביז וואַנזין בלוט־צעררייצטע קראָען.
(יאַנואַר 1985)

## גיי ניט אַוועק...

גיי ניט אַוועק פון מיר.
מייך צווילינג,
נעם ניט אַוועק פון מיר דיין האַנט
אין אונדזער גאַנג.
די צייט
האָט שוין צופיל אין מיר פאַרטיליקט,
נאָר געבליבן איז מיר אַלץ נאָך—
דו
און אונדזער צווילינגדיק געזאַנג.

גיי ניט אַוועק פון מיר,
מיין שוועסטער!
וואָס און וויפיל
קען מיר בלייבן נאָך אָן דיר?!
איך דאַרף דיין הילף ניט

צו הערקולישע פאַרמעסטן;
איך דאַרף דיך נאָר
אַ צוגעטוליעטע צו מיר.

גיי ניט אַוועק פון מיר,
מיין פרילינג־פיבער;
לאָז מיך ניט איבער
צו דער שפּעט־אָסיענדיקער קעלט;
כ'האָב הינטער מיר שוין
צופיל בערגלעך צוגעדעקטע גריבער —
שטערן אויסגעלאָשענע,
וואָס האָבן מיר דעם וועג צעהעלט.

לאָז מיך ניט אין פינצטערניש,
דו, וואָס ציטערדיק מען רופט דיך —
„מָונע",
לאָז מיך ניט פאַלן פון דעם,
וואָס איז מיר
מ י י ן פּעגאַזוס־פערד;
א י ך מאָן אַ שטילער,
איך מאָן: — נאָר ניט מיט העזה —
אויב ניט צו די וואָלקנס,
לאָז מיך פליען
כאָטש אַביסל העכער פון דער ערד.

גיי ניט אַוועק פון מיר,
מיין לאַנג שוין מיר געטרייע;
אָן דיר
וועט זיך פאַרענדיקן
די סיבה פאַר מיין גאַנג;
ס'וואַרטן ניט אויף מיר
קיין פרילינגס שוין קיין נייע...
אָן דיר
פאַרקלינגען וועט אין מיר מיין אייגן עכאָ —
מיין לעצטער, צאַרטער לידער־קלאַנג.

(יאַנואַר 1985)

## פון יענער שעה...

פון יענער שעה,
זינט קין
איז געלעגן אַ באַהאַלטענער אין קוסטעס,
אַ דערשראָקענער פאַרקראָכן,
מיט זיין מאָרד־געצייג פאַרקלעמט
אין פויסט,
האָט זיך ביי גאָט
די געטלעכקייט צעבראָכן
און אַ פאַרשעמטער האָט ער זיך געפרעגט:
מיין אָפּבילד ? !
מיט דער יצירה האָב איך זיך געגרויסט?!

דעמאָלט, יענע שעה,
איז ער פון דער וועלט אַנטלאָפן,
אין יענער שעה,
ווען ער האָט דעם מערדער
אינעם מענטש דערקענט.
ס'האָט דער מהר"ל זיין גולם איינגעשלאָפן.
נאָר גאָט
האָט אַן אַנטוישטער פון זיין ווערק,
זיך איינגעהילט אין זיינע זיבן הימלען
און מער שוין
פאַרן מענטש זיך ניט אַנטפּלעקט.

דעמאָלט, אין יענער שעה —
ניט איידער!
האָט אָנגעבויגן זיך דער תוהו
אַרום בבל־בוי,
וואָס האָט דעם מענטש
צעשטיקלט און צעטיילט,
און שפיחת דמים
און רציחה
געוואָרן איז דער סדר
און ס'האָט אַן ערדישער גיהנם
פון דעם גן־עדן זיך אַרויסגעשיילט...

ס. נוטקעוויטש

# די לעצטע וויזע, וואָס האָט געפירט צום רעבן

די צייט איז געווען סוף 1940, אַ קאַל־טער, נאַסער אָנהייב ווינטער. די שטאָט קאָוונע איז געווען זייער אומרויק. איר געוויינלעכע פאַרשלאָפנקייט איז פאַר־שווונדן, די באַפעלקערונג האָט געלעבט אין מורא, אין דערוואַרטונג, אַז „עפּעס" וועט געשען. יידן האָבן געזוכט פאַרבינ־דונג מיט משפחות און באַקאַנטע פון די אַרומיקע באַלטישע לענדער, אַז אין „פאַל פון עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע" זאָלן זיי קע־נען געפינען הילף.

איך האָב אַלאַרמירט מיין פאַרצווייגטע משפּחה אין פינלאַנד און דענעמאַרק, אַז מיר דערוואַרטן פון זיי הילף. איך האָב אויך געדאַרפט זאָרגן פאַר מיינע און מיין פרויס משפּחות אין פוילן זיי זאָלן פון זייער זייט טראַכטן וועגן הילף און מאַכן פּלענער ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען.

די ידיעות פון פוילן זיינען וואָס אַ טאָג געוואָרן טרויעריקער: דייטשער טעראָר איז געוואָרן שטאַרקער, אַלץ אָפטערע פאַרפאָלגונגען, אַרעסטן. אַלע האָבן גע־פילט, אַז די דייטשע פּלענער קעגן יידן זיינען גרויזאַמער ווי די גרעסטע פאַנטאַ־זיעס. אויסער דעם איז די הונגער־געפאַר געוואָרן וואָס אַמאָל שרעקלעכער און די שטערבלעכקייט אַלץ גרעסער. אַלע האָ־פענונגען זיינען פאַרשוווּנדן.

צוזאַמען מיט מיין נאָענטסטן יונגן פּאַרטיי־חבר, קלמן וואַפּנער, אַן אינזשע־ניר פון באַרוף, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז דער בעסטער פּלאַן איז אַנטלויפן אין דערבייאיקן לעטלאַנד און פון דאָרטן צו מיין משפּחה און העלסינגפאָרס (פינלאַנד). פון דאָרט איז די וועלט אַן אָפענע און מיר האָבן פאַנטאַזירט מיט געניטע „זיכע־רע" פּלענער מיט הצלחה אַרויסצורייסן זיך פון דעם דייטשן גיהינם.

מיט אַמאָל איז די וויכטיקסטע פראַגע פאַר אונדז געוואָרן ווי אַזוי קריגט מען אַן אַרויספאַר־וויזע פון דאַנעט. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די פרום־אָרטאָדאָקסישע גרופּע פּליטים טראָגן זיך שוין עטלעכע וואָכן אַרום מיט „עקסיט"־וויזעס אַרויסצופאָרן פון ליטע. די „קלו־גע" און „פּראַקטיקע" פּליטים האָבן גע־האָט זייערע אויסרעכענונגען: אויב די סאָוועטישע „געפּעאו" וועט געפינען עמיצן מיט אַן „עקסיט"־וויזע, וועלן זיי וואַרשיינלעך פאַרדעכטיקן אַזאַ איינעם, אַז ער אַרבעט מיט מיט דער סאָוועט־פיינטלעכער מלוכה און אים אַרעסטירן... בעסער צו זיין פּראַקטיק... באַהאַלטן די וויזע און קיינעם נישט דערציילן. איך און מיין חבר קלמן וואַפּנער זיינען גע־בליבן אָן וויזעס...

דערוויל איז אַרויס אַ מעלדונג, אַז די יאַפּאַנעזישע אַמבאַסאַדע וועט זיך שליסן דעם נאָענטסטן זונטיק און אַז מער וועלן קיין „עקסיט־וויזעס" נישט אַרויסגעגעבן ווערן. זיינען מיר ביידע שוין קיין נעכט נישט געשלאָפן. נישט געבליבן קיין געלט אפילו אויף פּאַפּיראָסן

---

איצט לעבן מיר דערפאַר
אין אַ יאָרהונדערט,
ווען מיט אויסלעש
סטראַשעט קיין
דעם גאַנצן קיילעך פונעם מענטש׳ס פּלאַנעט
ווען די ווילדסטע שוידערס
פאַרשאָטענען די גרעסטע וווּנדער—
און ע ר,
וואָס האָט צום ערשטן מאָרד דערלאָזט
און איז אַ פאַרשעמטער
פון זיין ווערק אַנטלאָפן,
ע ר
וועט גאָרניט שוין פאַרריכטן —
פאַר אים אפילו—ס׳זאָגט דאָס האַרץ מיר—
איז עס אויכעט שוין צו שפּעט.

(יאַנואַר 1985)

אָדער טאַבאַק פאַר מיין ליולקע. די פאַרטיי האָט אויך נישט געהאַט קיין מיטלען כאָטש פאַר קליינער הילף און פון פאַרקויפן אונדזערע זאַכן האָט מען אויך נישט געקענט עפּעס אָפּשפּאָרן. האָבן מיר זיך באַשלאָסן אויף אַ געוואַגטן אַקט וואָס קאָן אונדז טייער קאָסטן... פאַרטאָגס, אין אַ זונטאָג־טאָג ווען אַרום איז שטיל און רויק, זאָלן מיר ביידע אָנקלאַפּן אין דער זייטיקער טיר פון דער אַמבאַסאַדע וואָס פירט צו דער פּריוואַטער דירה און מיט כוח זיך האַלטן אינעווייניק...

די נאָרמאַלע וואַך פון צוויי שומרים איז דאָרטן נישט געשטאַנען. צו דער האַלב־גלעזערנער טיר איז צוגעקומען דער קאָנסול מיט זיין פרוי, אָנגעטאָן אין פּידזשאַמעס און אויפגעקלערט אַז די אָפּיסעס זיינען שוין פאַרמאַכט און זיי וואַרטן אויף אינסטרוקציעס ווען ווידער צו עפענען דעם הויפּט־אָפּיס

מיר האָבן מיט עקשנות זיך נישט גערירט פון אָרט. קלמן וואַפּנער האָט אויף דייטש און איך אויף רוסיש געלאַסן און שטיל אויפגעקלערט, אַז טאָמער קריגן מיר נישט שוין איצט די „עקסיט־וויזע“, וועלן מיר אַרעסטירט ווערן פון דער געפּע־או און אַלעמענס לעבנס (אויך דעם קאָנסולס און זיין משפחה) וועלן פאַרניכטעט ווערן. דעם קאָנסולס פרוי האָט שטיל געוויינט און עפּעס אונדז ווי געוואָרנט אין אַ נישט פאַרשטענדלעכער שפּראַך.

סוף כל סוף איז דער קאָנסול מיט וואַקלדיקע טריט צוגעקומען צו אַ גרעסערן מעטאַלענעם קאַסטן, פון ערגעץ־ווו האָבן זיך אין זיינע הענט באַוויזן עטלעכע שליסלען און דער גרויסער קאַסטן האָט זיך אָן שוועריקייט געעפנט. דעם קאָנסולס פרוי, מרס. שוגי־האַראַ איז צוגעקומען נעענטער צו אונדז און געשמייכלט.

דער קאָנסול האָט זיך צו אונדז געווענדט מיט אַ וואָרנונג און געבעטן אויפצוגעבן דעם טעראָר־אופן פון אַרויסבאַקומען פון אים די וויזע: „אַזעלכע זאַכן ענדיקן זיך שטענדיק שלעכט“, האָט ער געזאָגט.

לויט דעם פנים־אויסדרוק פון זיין פרוי האָבן מיר געקענט פילן, אַז זי איז נישט מסכים מיט אים.

* * * * *

פּונקט אין איין וואָך אַרום האָט אונדז אַ קלענערע שפּאַציר־שיף אַריבערגעפירט צו אַ לייכט־טורעם געביידע און פון דאָרטן צו אַ גרעסערער מיליטערישער שיף. ווי מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, האָט קלמן וואַפּנער געדאַרפט צוקומען שפּעטער. מיר האָבן זיך געפונען אויסער די טעריטאָריעלע וואַסערן פון יאַפּאַן און אונטער דער דירעקטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער יאַפּאַנעזישער ניוי. יעדער פון אונדז האָט באַקומען אַ גלעזל משקה און אַ ווונטש פאַר מזל.

דעם 22טן יוני, 1941, בין איך מיט אַ יאַפּאַנישער שיף אָנגעקומען אין דער פּאָרט־שטאָט טסורוגאַ. דער קאַפּיטאַן האָט נאָר געוואָלט מיך צווינגען אונטערצושרייבן אַ פּראָטאָקאָל, אַז די רוסישע טאַנקען זיינען געמאַכט פון האָלץ... איך האָב זיך קעגנגעשטעלט און דעריבער אַ אָפּ פון שיף עטלעכע שעה שפּעטער.

* * * * *

לויט נישט־קאָנטראָלירטע ידיעות, זאָל מיין חבר און פריינד קלמן וואַפּנער, האָבן פאַרנאַרט און אַרעסטירט געוואָרן דורך דער „געפּעאו“ און פאַרשיקט אין די פּאָלאַרע געגנטן פון עסטאָניע, אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן, און דאָרטן געשטאָרבן.

אין ישראל איז מיט איניקע חדשים צוריק געפייערט געוואָרן אין „יד־ושם“ אַ יום־טוב לכבוד דעם 85־יעריקן דיפּלאָמאַט סעמפּאָ שוגי־האַראַ, וואָס האָט בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געראַטעוועט נאָענט צו 6000 יידן פון די הענט פון די דייטשע געסטאַפּאָ אין ליטע.

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# פּראַנצויזן

מינוטן רייסן זיך
פון זייגער אָפּ
און איך נאָכן קלאַנג לויף.
טויזנט אייביקייטן
לויף איך אַזוי אָפּ —
און יעדער קלאַנג
פּאַלט דערוויל —
ווי אַ קערנדל
אין אָפענער צייט...

דעמאָן פון שווייגן,
דערלאַנג מיר
דעם שליסל צו מיין טראַכטן!

היינט,
נעכטן,
אייביק
אין דעם טורעמהויז
ווו איך טו
גאַנצע טעג אַליינען,
איינפאַלן וועט ניט דעם פּראַנצויז
אַריינצוקומען צו מיר.
קיין שום ווילן־מאַגנעט
וועט ניט צוציען קיינעם
צו מיין טיר;
אַזש דאָס גלעקל פרירט.

איז וואָס פּאַראַ וווּנדער,
אַז כ'פּלי
אויף דער לענטע פון מיין דמיון
אין מיין לאַנד פון חלום,
ווו מען לעבט
אין משפּחהדיקן פלעכט,
ווי צווייגן אויף אַ בוים.
אָט הער איך דייטלעך
אויסשמייכלען:
„שלום!"

אַ ייד איז גאָר פון אַנדער טייג געקנעטן,
ער קומט צו דיר אַפילו ניט געבעטן.
נאָר אַ פּראַנצויז, פּאַרוואָר, הימל־העט;
ניט מער ווי אַ ווייטער פינטל פון פּלאַנעט!
הונדערט יאָר קאָן מען וווינען מיט די שכנים —
און הונדערט יאָר צווישן פיר ווענט אַליינען.

ר. פאַזנער

## אַ מענטש אין פּאַרק, איינער אַליין

(מיניאַטור)

זיין וווּקס איז ווי פון אַ גיבור. זיין שטאַם איז פון דורות אַמעריקאַנער. זיין היים איז אין אַ ווינקל פון פּאַרק. זיין געלעגער — די הילצערנע האַרטע באַנק. אַזוי בייטאָג און ביינאַכט, אין אַ ווינקל פון פּאַרק, ביים טייכל, וואָס פליסט ניט מער און איז פאַרפּעסטעט.

די קליידער וואָס ער טראָגט אויף זיך, זיינען אַלט, אוי, אַלט! דער פּאַלטאָן, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, איז זיין קישן און צודעק.

ער, דער „ריז" אין זיין געשטאַלט, ווערט געטריבן און געיאָגט פון וועכטער אין פּאַרק, וואָס געפינט זיך אין סאַמע האַרץ פון דער רוישיקער שטאָט פון „מלאָכים"... ער ווערט געטריבן אָן רחמנות. ער איז ניט באַטריבט, ער גייט און זינגט ווי עס וואָלט אים געווען גוט אויף דער וועלט.

דער מענטש איז פון פריען עלטער, איינזאַם ווי דער וואַנדערער אין אַ טיפער פינצטערער נאַכט. קיינער איז אים גאָר־ניט שולדיק, אַזוי איז אים באַשערט...

משה עטינגער / ניו־יאָרק

# דריי לידער

## אַ טרויריקער פּינקס

אויף פליגל פון שקיעה
פּאַרפליט מיין טאָג
צו דער נאַכט,
די נאַכט פאַרוויגט אים
אין חושך פון איר טראַכט
און איך פאַרשרייב
אין פינקס פון מיין האַרץ
אַ טרויריקע מימרה:
— חבל על דאבדין!
אַ טאָג איז געשטאָרבן.

צו מאָרגן
ווען אַ נייער טוט זיך באַווייזן
שטיי איך און טראַכט:
וויפיל נאָך אַזעלכע
טרויריקע מימרות
וועל איך פאַרשרייבן
אין פינקס פון האַרץ?...

## דער היפּי*)

דיר דערווידער, מיר דערווידער,
דער גאַנצער ווילדער וועלט דערווידער
לייג איך זיך אויף דאָך אַנידער
אַ נאַקעטער.
איך ליג אַזוי אַן אויסגעשטרעקטער
אַן איינגעשפּאַרטער, צעבונטעוועטער יאָלד.
מעגן הימלען און די שטערן
און דאָס בייז, וואָס טוט זיך מערן
שאַלטן וואַלטן ווי באַר זיי קענען —
איך, אַ יאַט פון „פריי־ווילן״
קען דאָס בייז פון וועלט ניט שטילן;
איר רציחה ניט איינצאמען,
ניט אויסלעשן אירע פלאַמען.

שפּיי איך היפּיש אין איר פּרצוף!
און דאָס אַלץ וואָס איך קען טאָן...

*) „היפּי״ אין ענגלישן סלענג מיינט דאָס אַ וואַגאַבונד.

## ברכה פון ברויט

ווי זאַנגען אין שניט
פאַלן מיינע טעג
אויפן לעבנסוועג —
זיין גאַרן
צו ווערן
גילדענער אוצר
געפּירטע צו מילן
און איינצוהילן
די ברכה פון ברויט
פאַר דעם גליק פון לעבן.

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# אחד־העם אין ליכט פון אונדזער צייט

לייענענדיק אחד העם צום וויפלסטן מאָל, ווערט מען נתפּעל פון יענע מאמרים וואָס שפּרודלען נאָך אַלץ מיט פרישקייט און היינטצייטיקייט. די פּערמאַנענטע אַנגעוויטיקטע פּראָבלעמען וואָס דער דענקער האָט באַרירט מיט אַרום הונדערט יאָר צוריק, האָבן כמעט ניט פאַרלאָרן זייער אַקטועלקייט. די כסדרדיקע ראַנגלענישן פון סעקולאַריזאַציע, אַסימילאַציע, אייביקע שנאת ישראל און אַנדערע פּלאָגן, מאַטערן אויך אונדזער צייט.

ס'איז כדאי דורכצופירן אַ געשיכטלעכן פּאַראַלעל פון יענעם נעכטן מיט אונדזער פאַרווירטן און אומזיכערן היינט; אָפּצושאַצן און איבערשאַצן די מיינונגען פון א.ה. און זיין מי צו געפינען אַ סינטעז פון טראַדיציע און המשך אין גייסט פון דער דעמערנדיקער השכלה, וואָס האָט מער ניט באַפרידיקט די בלאָנדזשענדיקע יונגע יידן; אַריינבליקן אין די אַנטאַגאָניזמען און שטענדיקע אַמפּערנישן פון דעם אומרויקן אחד העם מיטן פּאָליטישן ציוניזם, מיטן פאָלקיזם און יידישיזם.

הגם זינט יענער עפּאָכע איז אַ מבול אַריבער איבער אונדז און טראַגיש אָפּגעשווענקט אַ גרויסע צאָל פון יענע חילוקי דעות און קאָנטראָווערזיעס, זיינען די עיקר־פּראָבלעמען נאָך אַלץ פאַרוואָרצלט אין אונדזער לעבן און ביז היינט ניט אַראָפּ פון סדר־היום.

מיר פּרעטענדירן ניט אין דער באַשיידענער אַרבעט אַרומצונעמען און זיכער ניט אויסצושעפּן די גיגאַנטישע אידעען־וועלט, די אומצאָליקע פּראָבלעמען וואָס ווערן באַהאַנדלט אין „על פרשת דרכים“, מיר פּראָבירן מיט היינטיקע אויגן און אין רעטראָספּעקט צו פאַרשטיין און צו לערנען פון זיינע אַנאַליזן, צו מעסטן זיינע פילאָסאָפיש־נביאישע פּראָגנאָזן מיט אונדזער צייט; ווו האָט ער ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם פענאָמען פון אונדזער עקזיסטענץ אין אַ וועלט פון שנאה און סכנה פון אַסימילאַציע; און ווו איז ער, לויט אונדזער באַנעמעם, ניט גערעכט געווען אַפילו אין זיין צייט.

אחד העם האָט ניט געשאַפן זיין אייגענעם פילאָסאָפישן דרך, זיין טעאָרעטישן סיסטעם און וועלט־השקפה. דאָך איז ניט שווער אַרויסצודרינגען פון זיינע עסייען זיין אַנטימאַטעריאַליסטישן אופן פון דענקען, דעם אידעאַליסטיש־ראַציאָנאַליסטיש־ראַציאָנאַליסטישן איינפלוס באַנאַנד מיט דער טיף־פאַרוואָרצלטער יידישער ירושה. שכל און לאָגיק זיינען געווען זיין לייכט־טורעם אין אַנאַליזירן די טעמעס. זיין צוגאַנג צו יהדות, ווי פון אַ מזרח־אייראָפּעישן תלמיד־חכם און משכיל, דורכגעדרונגען מיטן אידעאַל פון יידישער קולטור און עטיק האָט אים באַווירקט צו קוקן טיפער און ווייטער פון דער ווירקלעכקייט און אירע באַלדיקע נויטן, , און דערפאַר איז זיין גדאַנקענגאַנג ניט שטענדיק געווען אָביעקטיוו. די צייט איז אָפּט קעגן אונדז און קעגן אונדזער עצם־עקזיסטענץ, לאָזן מיר זיך ניט דערטרינקען נאָר לערנען זיך שווימען אויף דער אויבערפלאַך אין דער ריכטונג פון אַ המשכדיקן ברעג. אחד העם מאַנעווורירט מיט זיינע לאָגישע אַרגומענטן און היסטאָרישע אַנאַליזן צו פאַרטיידיקן זיין השקפה און אמונה און פאָלקס־קיום.

אחד העם איז געווען אַ ציוני, אָבער ער האָט זיך באַצויגן קריטיש צום ציוניזם פון דר. לעאָ פּינסקי, מחבר פון דער אויטאָעמאַנציפּאַציע, צו דער חובבי־ציון באַוועגונג און איז אידעיש אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פּאָליטישן ציוניזם פון דר. הערצל, אַרויסשטעלנדיק זיין אייגענע פּלאַטפאָרמע פון גייסטיקן ציוניזם, וואָס דרינגט אַרויס פון זיין פאָלקס־ירושה מיט אַלע נאַטירלעכע יסודות פון יידישער אייביקייט. ער האָט דעריבער געגרינדעט און אָנגעפירט מיט דער אידעאַליסטישער גרופּע „בני משה“, וואָס האָט זיך אויפגעלעזט נאָך עטלעכע יאָר.

זיין אַרויסטריט קעגן פּראַקטישן ציוניזם איז געווען באַזירט אויף אַ טיפערן

צוגאַנג צו יידישקייט, וואָס איז פאָרמולירט אין זיינע עסייען: „לא זו הדרך" און „תחית הרוח", און אויך אין אַנדערע צייט־אַרטיקלען און בריוו. אחד העם האָט געגלויבט אין חלוציש־קולטורעלן ציוניזם און ניט אין אַ מאַסן־באַוועגונג. די קאָלאָניסטן אין ארץ ישראל דאַרפן לייגן דעם יסוד און פאָרמירן דעם גייסטיקן פרצוף פון לאַנד זיי מוזן זיין יחידי סגולה, אידעאַליסטן און איבערגעגעבן בלב ונפש דעם יידישן המשך און העברעישער קולטור. אַזאַ חלוציזם וואָלט דאָמינירט גייסטיק איבער די מאַסן־עמיגראַנטן. א. ה. איז אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפער קריטיק קעגן די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן צוליב זייער איגנאָרירן קולטור־פּראָבלעמען, מכלומרשט, בכדי ניט צו אַנטאַגאָניזירן די רעליגיעזע ציוניסטן. אין דעם סיכסוך איז בולט געקומען צום אויסדרוק דער שטרייט צווישן דעם מזרח און דעם מערב־אייראָפּעישן יידנטום, די אַנדערשקייטן פון צוויי קולטורן און מענטאַליטעטן.

ד"ר הערצל און נאָרדוי זיינען געקומען פון דער אַסימילאַציע און געוואָרן אַנטוישט פון די דורכגעפאַלענע האָפענונגען וואָס זיי האָבן געבויט אויף דער עמאַנציפּאַציע אין 19טן יאָרהונדערט. פון איין זייט דער אַנטיסעמיטיזם אין מערב, די טעאָרעטיקער און פאָרגייער פון נאַציזם, און פון דער צווייטער זייט די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, דער עקאָנאָמישער דלות און דעקלאַסירונג פון די מזרח־ברידער האָט זיי געשטויסן צום ציוניסטיש־מדינישן געדאַנק. אחד העם האָט געזען אין דעם אַן איבערפלאַכלעכן צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע און צו זייער ציוניזם וואָס שטיצט זיך אויף אַנטיסעמיטיזם און אַנדערע יידישע צרות און וואָס האָט אויך דערפירט צום פלאַן פון אַ צייטווייליקן מקום מקלט אין אוגאַנדאַ (וואָס איז דורכגעפאַלן). דער ציוניזם האָט טיפע אייביקע וואָרצלען אין אונדזער געשיכטע, וואָס איז ניט אָפּהענגיק פון אויסערלעכע איינפלוסן, גלויבט אחד העם. חוץ דעם זיינען די מערב־יידן געווען איינגעגלויבט אין זייער קולטורעלער, אייראָפּעישער העכערקייט און דערגרייכטע פּראָגרעסיווע פּאָזיציעס, און דערפאַר האָבן זיי מיט רחמנות אַראָפּגעקוקט צו די יידן פון זייערע צוריקגעשטאַנענע ברידער אין רוסלאַנד.

אחד העם, פאַרקערט, האָט געזען די יידישע אָרעמקייט, אויסגעליידיקטקייט און שמד־סכנה אין דער אַסימילירטער מערב אייראָפּע און האָט געלייגט גאָר גרויסע האָפענונגען דווקא אויפן מזרח־אייראָפּעישן יידנטום מיט זיינע יידישע וואָרצלען און פּאָטענציעלע כוחות, וואָס האָבן זיך אָבער גענייטיקט אין פירערשאַפט, אין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און מאָדערנעם חינוך.

א. ה. האָט זיך געשראָקן פאַר דער סכנה פון אַסימילאַציע, וואָס האָט פון מערב אָנגעהויבן אַריינדריגען אין רוסלאַנד, ניט ווייניקער ווי פאַר דעם אַנטיסעמיטיזם און בלוטיקע פּאָגראָמען. אין קעגנזאַץ צו הערצל און נאָרדוי איז פאַר אחד העם די צרת היהדות געווען געפערלעכער פון די צרת היהודים.

אין רעטראָספּעקטיווער באַטראַכטונג פון יענע חילוקי דעות, ווייזט אויס איז דר. הערצלס צוגאַנג געווען רעאַליסטישער. ער האָט אָנגעהויבן פון יסוד, זוכנדיק אַלע די וועגן צו ראַטעווען פיזיש דאָס יידישע פאָלק, וואָס וועט עווענטועל פירן צו דער גרינדונג פון אַ יידישער מדינה. א. ה. האָט ציוניזם געשטעלט אויפן קאָפּ אַנשטאָט אויף די פיס, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז מיר זיינען אַן אַלט פאָלק, לחלוטין אַנדערש פון אַנדערע פעלקער און דערפאַר דאַרף מען ניט אַנווענדן צו אונדזער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג און אויפלעבונג די זעלבע מעטאָדן וואָס ווערן אָנגעווענדט צו אַנדערע נאַציעס.

די פאַרזיכערונג פון פיזישן קיום איז טאַקע וויכטיק, אָבער צוערשט מוז קומען לויט א. ה. די אויפלעבונג פון גייסט. אין זיין מאמר „בשר ורוח" פירט ער דורך אַ היסטאָרישן אַנאַליז, וווּ ער ווייזט אָן אויפן שטענדיקן געראַנגל צווישן די ריכטונגען, וואָס האָבן זיך געזאָרגט פאַרן קערפּער פון פאָלק, פאַר זיין מאַטעריעלן פיזישן וווילזיין, ווי למשל די צדוקים, אין קעגנזאַץ צו די איסיים, וואָס האָבן זיך געזאָרגט פאַרן גייסט. די פרושים, וואָס זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין סינטעז פון ביידע, גייסט און קערפּער, זיינען צום נאָענטסטן אחד העמען. מיט זיי

אידענטיפֿיצירט ער זיך אידעאָלאָגיש. אין דעם עסיי קומט צום אויסדרוק זיין קעגנערשאַפֿט צו דר. הערצל און די „מדינה־איסטן וואָס זאָרגן זיך בלויז פֿאַר דער פיזישער אויפריכטונג פון אונדזער פאָלק און לאָזן די קולטור־פראַגן אויף שפּעטער. ער קומט צום אויספיר, אַז אמתע יידישקייט שטרעבט ניט צו דעם אַז מאַטעריעלע ווילזיין זאָל געוועלטיקן איבערן גייסט, און אויך ניט צו טייטן דעם קערפּער צוליבן גייסט, נאָר דערהויבונג פון קערפּער דורך דעם גייסט.

(לא שלטון הבשר על הרוח, ולא המיתת הבשר, כי אם התעלות הבשר על ידי הרוח).

אין אונדזער צייט שטייען מיר פֿאַרן פּערמאַנענטן געראַנגל סיי פֿאַר אונדזער פיזישן, סיי פֿאַר גייסטיקן קיום. די סכנה פֿאַרן גורל פון יידישקייט אין די ראַמען פון וועלטלעכקייט איז אויך היינט ניט קלענער ווי אין יענער צייט פון אחד העם און הערצל.

ס'וואָלט כדאי געווען אויפן סמך פון אַנאַליז און פֿאַרגלייכונגען פעסטצושטעלן ווי אַזוי וואָלט א. ה. רעאַגירט אויף דער היינטיקער פילפאַרביקער יידישקייט פון מדינת ישראל. וואָלט דער קעמפער פֿאַר ירושהדיקער יהדות און העברעישער קולטור געווען צופרידן מיטן צושטאַנד פון דער וועלטלעכער קולטור־יידישקייט. צי זיינען לאַנד און לשון אַ זיכערער באַריער קעגן אַסימילאַציע? אַ טיילווייזן ענטפער געפינען מיר אין דער כסדרדיקן רעווידירן פון חינוך, און פֿאַרריכטן די עוולות בנוגע די יידן פון די תפוצות און געשיכטע פון גלות בכלל, ווי אויך די דערנענטערונג צו די תפוצות און זייערע פּאָטענציעלע כוחות פון שאַפערישער יידישקייט. ביז היינט איז אויך אַלץ נאָך פריש די פּאָלעמיק וועגן דער ראָלע פון רעליגיע אין קיום פון אונדזער פאָלק. וועגן דעם האָט אחד העם אַ סך געשריבן ספּעציעל אין זיינע מאמרים מוסר לאומי און שלטון השכל, וועגן רמב"ם.

אחד העם איז געווען אַ סעקולערער ייד. ער האָט געגלויבט, אַז נאַציאָנאַלע עטיק און עטישע יידישקייט איז ניט אָפּהענגיק פון רעליגיע. נאַציאָנאַלע עטיק איז פֿאַרבאָרגן אין אַ רעליגיעזן לבוש. (מוסר לאומי מסתתר בלבוש דתי). ער אַנאַליזירט דעם מהות פון רעליגיע בכלל און יידישע רעליגיע בפרט פון וויסנשאַפטלעכן און היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. אין דער תקופה פון די שופטים און מלכים האָבן די יידישע שבטים, די פּויערים און פּאַסטעכער, געדינט די נאַטור־געטער, אָבער אין צייט פון מלחמה־סכנה האָבן זיי זיך אַלע פֿאַראייניקט אונטער די פליגל פון אַלמעכטיקן נאַציאָנאַלן גאָט י ה ו ה וואָס האָט זיי געשטאַרקט און געהאָלפן.

אין דער אַנטוויקלונג פון יידישקייט ווי אַ פילאָסאָפישע השקפה און רעליגיע בכלל, זעט א.ה. אונדזער טראַגעדיע אין דער אָרטאָדאָקסישער פֿאַרגליווערטקייט, דאָס פעלן פון אַן אויטאָריטעט, ווי רמב"ם בשעתו, וואָס האָט אַראָפּגעזעצט פונעם טראָן דעם רעליגיעזן, דאָגמאַטישן סופּרים־געזעץ און אויף זיין אָרט אַרויפגעזעצט דעם „שכל". דאָס באַפרייען דעם שכל פון אויסערלעכן אויטאָריטעט איז געווען דער געוואַלדיקער פֿאַרדינסט פון רמב"ם. „שלטון השכל"— קענען מיר זיך פֿאָרשטעלן די גייסטיקע רעוואָלוציע פון די צוויי ווערטער אין דער צייט פון רמב"ם.

אחד העם גלויבט אַז דער מוסולמענישער פֿאַנאַטיזם, וואָס האָט אין יענער תקופה פֿאַרפאָלגט יידן (אויך דער רמב"ם און זיין משפחה זיינען געווען פון די געליטענע) האָט באַווויגן דעם דענקער צו באַקעמפן פֿאַנאַטיזם בכלל. פֿאַרן המון־עם האָט דער רמב"ם אַנטפּלעקט די אמתע עטישע אידעען פון דער תורה. פֿאַרן מיעוט וואָס זוכט דעם פילאָסאָפישן אמת האָט ער געשאַפן אַ סינטעז צווישן פילאָסאָפיע און דת. דער שכל איז דער תכלית פון מענטש, דת איז בלויז אַ מיטל צום תכלית.

ענטפערנדיק דעם שד"ל, וואָס קריטיקירט דעם רמב"ם פֿאַר זיין באַשטימען וואָס יאָ און וואָס ניט צו גלויבן, זאָגט א. ה., אַז דער מענטש דאַרף גלויבן וואָס זיין שכל איבערצייגט אים. דער שכל איז איבער די עיקרים פון גלויבן. אין דעם גרויסן אַרומנעמענדיקן מאמר „שלטון השכל" זעט מען ווי ווייט אחד העם אידענטיפיצירט זיך מיט דעם רמב"ם און זיין פילאָסאָפיע פון יהדות.

אחד העם טרעט שטאַרק אַרויס קעגן די רעפאָרמער־אַסימילאַנטן אין ענגלאַנד, וואָס זוכן אַ סינטעז צווישן יידנטום און קריסטנטום, צווישן משה רבינו און ישו הנוצרי (ענלעך צו שלום אַשן אין אונדזער צייט). אין זיין עסיי „על שתי סעיפים" ווייזט א. ה. אָן אַז דער יסוד פון יידישקייט איז: „לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה", ווייל יידישע געטלעכקייט איז אַבסטראַקט און פאַרטראָגט ניט קיין פאַרקערפּערונג פון גאָט און איז קעגן פאַרגעטערונג פון מענטש. אויך קען מען ניט פאַר־גלייכן משהן צו יעזוסן. למשל, עזרא הסופר וואָלט געקענט אין זיין צייט פאַרנעמען דאָס אָרט פון משה רבינו (לויט סנהדרין כ"א) צי וואָלט דען מעגלעך געווען אַז פּאָולוס זאָל פאַרנעמען יעזוסעס אָרט? דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס אין קעגנזאַץ צום קריסטנטום און זיין פילאָסאָפיע פון עקסטרעמען אַלטרואיזם, וואָס איז פּאַקטיש דער עגאָאיזם אויף דער לינקער זייט, שטיצט זיך יידישקייט אויף גערעכטיקייט און געזעצלעכקייט.

אחד העם שוינט ניט דעם באַרימטן און פאַרערטן לעוו טאָלסטוי, וואָס פּראָבירט געבן דער קריסטלעכקייט אַן עטיש און מענטשלעך פּנים, להיפוך מכלומרשט צום יידנטום. א. ה. האַלט טאַקע טאָלסטויען פאַר אַ גרויסן קינסטלער אין דער וועלט־ליטעראַטור, אָבער אין זיינע באַגריפן וועגן יידישקייט און קריסטלעכקייט איז ער כפי א. ה. אַן עם הארץ.

אינטערעסאַנט איז אחד העמס אָפּשאַצונג וועגן אַנטיסעמיטיזם, איינגעוואָרצלט אין די הומאַניסטן. ווי אַזוי פּאָרט זיך עס זייער ליבעראַליזם מיט שנאת ישראל? אחד העם פאַרגלייכט דעם פענאָמען צום ענטפער פון פרומען גלח און אַסטראָנאָם סעקי: „ווען איך באַשעפטיק זיך מיט אַסטראָנאָמיע פאַרגעס איך מיינע גלחישע פליכטן, און ווען איך דין ווי אַ גלח, פאַרגעס איך אין אַסטראָנאָמיע." ווען אפילו ס'וועלן מער ניט עקזיסטירן אונטערשיידן צווישן ראַסן און גלויבן, וועלן די הומאַניסטן מאַכן יידן אַן אויסנאַם: ווען זיי זיינען עוסק אין הומאַניזם פאַרגעסן זיי דעם ייד, און ווען פאַרקערט, ווען זיי באַרירן די יידנפראַגע פאַרגעסן זיי דעם הומאַניזם.

אין זיינע פאַרשידענע גרעסערע אַרבעטן באַקעמפט אחד העם אַלערליי פאָרמען פון אַסימילאַציע. (חיקוי והתבוללות, עבדות מתוך חרות, א"א). דער דענקער גלויבט, אַז מיר האָבן אַ רעכט זיך צוצופּאַסן צו דער אייראָפּעישער קולטור און מיר דאַרפן אַדאָפּטירן אירע מאָדערנע פּאָזיטיווע פאָרמען פון לעבן, איינזאַפּן אירע פּראָגרעסיווע ווערטן, אָבער מיר מוזן אויך אָפּוואַרפן אַלץ, וואָס איז פרעמד דעם יידישן גייסט. ווי ביאַליק אין זיין ליד: „אָכן גם זה מוסר אלהים", וואָס קלאָגט זיך, אַז אונדזערע קינדער ווערן ציגל פאַר די גויישע פּיתום און רעמסס, וויטיקט א. ה. אַז אונדזערע טאַלאַנטפולע קינסטלער שאַפן אויף פרעמדע שפּראַכן און קולטורן, ווי דער מאָלער אַנטאָקאָלסקי (דער בזיר נעסטאָר, איוואַן גראָזני). „לא היהודים בלבד יצאו מן הגיטו כי אם גם היהדות"— ניט נאָר די יידן זיינען אַרויס פון געטאָ, נאָר אויך דאָס יידישקייט.

און ער קומט צום אויספיר: באַפרייען זיך פון געטאָ — יאָ, אָבער ניט פון יידישקייט. דער אידעאַליסטישער אחד העם האָט לײַדער ניט געזען דעם צוזאַמענהאַנג און די היסטאָרישע כוחות וואָס זיינען שטאַרקער פון ווונטשן און פרייען ווילן. די השכלה אַליין האָט אָפּט, טראָץ איר וויכטיקע פּאָזיטיווע ראָליע אין אונדזער געשיכטע, דערפירט צו אַסימילאַציע, געמישטע חתונות און שמד.

אין אַלע צייטן זיינען געווען נייע באַוועגונגען וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן סדר העולם. די אומרויקע יידישע אינטעליגענץ האָט זיך געלאָזט מיטרייסן מיט יענע ווינטן, אפילו ווען זיי זיינען געווען קעגן אונדזערע יידישע לעבנסאינטערעסן. אחד העם האָט דעמאָלט פּאָלעמיזירט מיט די אָנהענגער פון ניטשעס איבערמענטש - פילאָסאָפיע, וואָס מיט דער אידעע פון „אדם־עליון" איז די יידישע אינטעליגענץ געווען פאַרכאַפּט. ער זעט די שעדלעכקייט פון דער אַנטי־יידישער פילאָסאָפיע, און באַקעמפט דאָס פאַרגעטערן פון פיזישן כוח און פון דער „בלאָנדער בעסטיע".

אין דער יידישער טראַדיציע ווערט אַרויסגעהויבן דער אידעאַל פון גייסטי־

קער גבורה; דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפֿן די קאָנצעפּציע פון עם סגולה, אָבער דאָס איז געמיינט אין עטישן זין. דעם זעלבן קאַמף האָט אויך געפירט י. ל. פרץ אין זיין עסיי „די נייע באַוועגונג", ווו עס האָט זיך געהאַנדלט אין די דאַרוויניסטישע פילאָסאָפן, ווי הערבערט ספּענסער, ליפּפּערט א"א, מיט וועלכע די יידישע יוגנט, די אינטעליגענץ פון יענער צייט האָט זיך ממש פאַרכליניעט. די השקפה פון „כל דאלים גבר" איז דאָך געווען אַ סכנה קעגן דער עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק, פיזיש דאָס שוואַכסטע פון אַלע פעלקער. אַזעלכע כוואַליעס טראָגן זיך אויך היינט איבער דער וועלט מיט פרעמדער מוזיק און אלילי שוא, וואָס רייסט שטיקער פון אונדזער פאָלק.

אחד העם איז געווען אומקאָמפּראָמיסלעך אין זיין קאַמף פאַר יידישקייט. העברעיש און ציוניזם זיינען ניט געווען פאַר אים קיין גענוגנדיקע יסודות פאַר קיום העם. ער האָט ניט געשוינט די באַליבטע פירערס פון ציוניזם: הערצל און נאָרדוי, וואָס האָבן אין זייערע שריפטן אויף אַ נאַיוון אופן אַנטפּלעקט זייער פלאַכן צוגאַנג צו יידישקייט." אין זיין וויכטיקן עסיי „תחית הרוח" אַנאַליזירט א. ה. זייערע דראַמאַטישע שאַפונגען (יהידות, דאָס נייע געטאָ פון הערצל, און מאַקס נאָרדויס — ד"ר כהן) די שטאָלצע ריטערלעכע יידישע העלדן און זייערע דורעלן, וואָס זיינען פרעמד דעם יידישן גייסט.

ער אַנאַליזירט אויספירלעך הערצלס אַלט־ניי־לאַנד, וואָס ער רופט עס איראָניש „על־תנאי־לאַנד". אַ דערהויבענע אוטאָפּיע אין גייסט פון ליבעראַליזם אין 19טן י"ה, וואָס ווערט אויסגעחלומט אין נייעם ארץ ישראל, אין לאַנד פון סאָציאַלן יושר און פריינדלעכן צוזאַמענלעבן פון פעלקער און שפּראַכן. אחד העם פאַרדריסט דר. הערצלס באַציונג צו יידיש ווי די גערעדטע שפּראַך פון די יידישע דאָרפסלייט און לשון־קודש, וואָס איז די שפּראַך פון דאַווענען און רעליגיעזע צערעמאָניעס. אַזאַ אוטאָפּיע מיט דער תמימותדיקער ליבע צום פאָלק איז דעם העברעיסטישן דענקען לגמרי ניט צום האַרצן. ער האָט אויך ניט געשוינט דעם גרויסן העברעיש פּאָעט שאול טשערניכאָווסקי צוליב דעם אַנטי־יידישן גייסט מיט זיין בוקן זיך פאַרן כוח און שיינקייט פון אַפּאָלאָ, זיין רעוואָלט קעגן אונדזער גלות־גאָט וואָס בינדט אונדז מיט רציעות פון תפילין. א. ה. האָט אים אַנטקעגנגעשטעלט ביאַליקן; אין ביאַליקס לידער איז ער געווען איינגעליבט און פאַרכישופט. זיין פּאָעזיע איז פאַר א. ה. געווען אַ קלאַסישער מוסטער פון נאַציאָנאַלער דורותדיקער המשכדיקייט אין גייסט פון יהודה הלוי.

אחד העם, וואָס איז געווען אַ פּערזענלעכער פריינד און פאַרערער פון דעם היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, האָט פּאָלעמיזירט מיט זיין אידעע פון „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע", וואָס איז אויך געווען אַ טייל פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע. הגם א. ה. זעט די נויטווענדיקייט פון אַן אָרגאַניזירטער גלות־יידישקייט, וועלן אָבער די אויטאָנאָמע קהילות אין דער צעשפּרייטקייט זיך אונטערוואָרפן דעם אומפאַרמיידלעכן איינפלוס פון אַלערליי שפּראַכן און קולטורן פון יענע לענדער, און מיט דער צייט קען זיך פאַרלירן די נאַציאָנאַלע איינהייטלעכקייט פון אונדזער אייגענער ירושהדיקער קולטור. פריער צו שפּעטער וועט אונדז פאַרשלינגען די אַסימילאַציע. אויב אַזוי וואָס דען קען צוזאַמענהאַלטן די אויטאָנאָמיעס אין די תפוצות (אויב דער חלום וועט פאַרווירקלעכט ווערן) און וואָס וועט זיין בכוח צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון רעליגיע, וואָס האָט במשך פון דורות צוזאַמענגעהאַלטן אונדזער פאָלק אין גלות. דער ענטפער איז — אַ גייסטיקער צענטער אין ארץ ישראל, אַ מרכז רוחני.

די קולטור אויטאָנאָמיעס האָבן אַ זין און באַרעכטיקונג נאָר אין די ראַמען פון אַ נאַציאָנאַל קולטורעלן צענטער אין לאַנד פון אונדזערע וואָרצלען. אַזאַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער צענטער ווערט אַ לעבעדיקער פאַקטאָר אין מדינת ישראל. מיר האָבן אַלע סיבות צו האָפן, אַז ישראל, וואָס רעדט און אָטעמט העברעיש, גייט אויפן וועג פון ווערן אַ גייסטיקער צענטער פאַר די יידישע קולטורן אין די תפוצות, וואָס יידיש איז נאָך אַלץ אַ נאַציאָנאַלער שאַפערישער כוח.

אין דער פּאָלעמיק מיט דובנאָוון באַ־
רירט אחד העם דעם ענין מאַמע־לשון,
וואָס פאַרן היסטאָריקער איז יידיש פאַר
זיך אַליין געווען ביז גאָר אַ מין גייסטי־
קער צענטער פאַר די מיליאָנען פון אונ־
דזער וועלט־פאָלק. אויף דעם ריב הלשו־
נות וועלן מיר זיך מער אָפּשטעלן און
אָנווייזן ווי אַזוי עמאָציע קען איבערגע־
וועלטיקן דעם שכל פון אַזאַ ראַציאָנאַ־
ליסט ווי אחד־העם. דער טשעמפּיאָן פון
וועלטלעכער יידישקייט און באַקעמפער
פון אַסימילאַציע האָט מחמת זיין גרויסער
ליבשאַפט צו העברעיש זיך אָפּגעזאָגט
צו אַנערקענען יידיש לשון ווי דער וויכ־
טיקסטער כלי־זין אין קאַמף קעגן אַסי־
מילאַציע. להיפוך צו די העברעיסטן פון
אונדזער צייט האָט ער געגלויבט אַז אַ
נאַציאָנאַלע שפּראַך איז ניט די שפּראַך
וואָס מען לעבט מיט איר, מען רעדט אין
דעם לשון אין שטוב, אין גאַס, אין מאַרק,
אין שול, מען פאַרוויגט קינדער מיט אירע
לידער אא״וו, נאָר די שפּראַך פון קולטור,
וואָס פאַר אים מיינט עס עברית.

אחד העם, וואָס איז געווען איינגעטונ־
קען אין חסידישן יחוס, וואָס איז דער־
צויגן געוואָרן אין יידיש און מיט זיין
ווייב, אַ רבניש אייניקל, האָט ער ס׳גאַנצע
לעבן גערעדט יידיש, האָט אָבער זיינע
קינדער אָפּגעפרעמדט פון מאַמע־לשון
און דערמיט איינגעפלאַנצט אַ נעגאַטיווע
באַציונג צו די יידיש־רעדנדיקע פאָלקס־
מאַסן, און צומאָל אויסגעשטעלט זיי אויף
דער געפאַר פון אַסימילאַציע. אחד העם
איז געווען אָפט באַאומרויקט, און אַ צווייט
מאָל קאַלט, און האָט איגנאָרירט דעם
גיגאַנטישן רענעסאַנס פון דער יידישער
קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק.
ער האָט ניט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש
פאַר יידישן פאָלקלאָר, פאַרן פאָלקסליד,
פאַר די אומאויסשעפּלעכע קוואַלן וואָס
האָבן געשטראָמט פון יידיש־רעדנדיקן
פאָלקס־לעבן. ער האָט ניט אָפּגעשאַצט
די נאַציאָנאַלע ראָליע, וואָס יידיש האָט
געשפּילט אין די סאָציאַליסטישע פּאַר־
טייען. און ווי האָט אַזאַ דענקער געקענט
פאַרקוקן דעם קערנדיקן יידיש פון חסי־
דיזם, וואָס האָט אַזוי באַרייכערט אונדזער
קולטור. ניט אַנדערש ווי די סנאָבישע
באַציונג צום לשון פון די פאָלקסמאַסן,
וועמען ער האָט גערופן עמי־הארצים,
האָט פאַרפירט דעם גרויסן דענקער.

גראַד דער קרייז פון משכילים, די וואָס
האָבן מבזה געווען יידיש, זיינען געווען
נוטה צו אַסימילאַציע און זייערע קינדער
— צו שמד. פאַרקערט, האָבן די יידיש־
רעדנדיקע פאָלקסמאַסן געפילט אַן עקל
צו אַסימילאַציע. ניט נאָר איז יידיש גע־
ווען אַ באַריערע קעגן אַסימילאַציע, נאָר
ביז גאָר אַ קוואַל פון נאַציאָנאַל־קולטו־
רעלן אויפשטייג אין דור פון אחד־העם.
פאַר זיינע אויגן זיינען אויפגעקומען מאָ־
דערנע סאָציאַליסטישע און פּועלי־ציוניס־
טישע באַוועגונגען, די יונגע, די איבזי־
כיסטן, די כאַליאַסטרע, און דער אָנהייב
פון אַ סאָוועטישער ליטעראַטור און ווי־
סנשאַפט אין יידיש; ביי געוואַגטע עקס־
פּערימענטן פון יידישן טעאַטער, דאָס
יידישע פאָלקסליד וואָס האָט געגרילצט
אין די אויערן פון העברעישן דענקער,
(ווי אַנדערש איז געווען ביאַליקס באַציונג
און פאַרליבטקייט אין יידישן פאָלקסליד).

אחד העם איז אויך ניט געווען ברייט־
האַרציק גענוג צו טאָלערירן צוויי נאַצי־
אָנאַלע שפּראַכן. ער האַלט, אַז ס׳איז ניטאָ
אין דער געשיכטע פון פעלקער אַזאַ
פענאָמען (בקשו הטב אם תמצאו חזיון
נפלא כזה). בדרך כלל, הייסט עס, זיינען
מיר אַנדערשדיק פון אַלע פעלקער,
אָבער בנוגע צוויי לשונות זיינען מיר ניט
קיין אויסנאָם. אונדזער פאָלק קען זיך
דאָס ניט דערלויבן — לויט א. ה.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז ער האָט
ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם פּראָצעס פון
איינשרימפּונג און ירידה פון מאַמע־לשון
ביים צווייטן דור פון די אַמעריקאַנער
געבוירענע. אַזאַ פּראָצעס, לויטן דענקער,
איז אומפאַרמיידלעך אין דעמאָקראַטישע
לענדער פון גלייכבאַרעכטיקונג און ליבע־
ראַליזם (אפילו אין מזרח־אייראָפּע). ער
האָט געזען בנביאות דאָס אויפהערן רעדן
יידיש אין די פרייהייטלעכע באַדינגונגען
פון אייראָפּע און האָט מורא געהאַט אַז
מיר וועלן חס ושלום בלייבן ביי „צוויי
טויטע שפּראַכן" . דעמאָלט וועט דאָס
פאָלק זיך ניט קלאַמערן מיט פיעטעט צו
יידיש, ווי דאָס איז געווען במשך פון

דורות מיט לשון קודש, די שפראַך פון תפילות, תורה און תלמוד. אַן אויסנאַם וועלן זיין די בעסערע שאַפונגען, וואָס וועלן לעבן אין העברעישע איבערזעצונ־גען. „דערפאַר באַמיען זיך די „זשאַר־גאָנישע" (יידישע) שרייבערס אַריינצו־ברענגען די פרוכט פון זייער אַרבעט אין אוצר פון אונדזער נאַציאָנאַלער ליטעראַ־טור דורך העברעישע איבערזעצונגען, בכדי צו פאַרזיכערן זייערע שאַפונגען פאַר דער צוקונפט. ס'זיינען אָבער דע־מאָלט איבערגעזעצט געוואָרן העברעישע שאַפונגען אויף יידיש, און יידישע איבער־זעצונגען אויף אַלערליי לשונות; אַ פּראָ־צעס וואָס גייט אָן אין אַלע ליטעראַטורן ביז היינטיקן טאָג.

אין אָנבליק פון סעקולאַריזאַציע און שפראַך־אַסימילאַציע אין די תפוצות איז אַ סכנה אַז עברית זאָל ניט זיין מער לשון קודש, מיטן אויסנאַם פון רעליגיעזן סעקטאָר. זיינען אָבער די עקסטרעם־חסידישע ריכטונגען גענייגט אויפצו־האַלטן די טראַדיציאָנעל יידישע לעבע־דיקע שפראַך פאַר זיך, זייערע קינדער און קינדס־קינדער, און גראָד דער וועלט־לעכער סעקטאָר, אויף וועלכן אחד העם האָט אַזוי פיל געבויט, איז באַדראָט צו פאַרלירן ביידע לשונות: יידיש און העב־רעיש, ווי גערעדטע שפראַכן.

אַ צאָל פון אונדזער יוגנט זוכט מיט בענקשאַפט יידישע וואָרצלען, ביט דווקא פון די תנכישע און תלמודישע צייטן נאָר פוך נאָענטן עבר, די קולטור פון זייערע זיידעס און עלטערזיידעס און דעם רייכן פאָלקלאָר פון יידיש־זמירותדיקן מאַמע־לשון. מיר קענען רעלאַטיוו אָפשאַצן דעם ניט־געהויבענעם מצב פון יידיש, ווי אויך די ראַנגלענישן פון אונדזער פאָלק פאַר קיום, אָבער נביאותן אוך פראָגנאָזן האָבן אין אונדזער יאָרהונדערט מער ניט קיין זין.

אמת, די אָפשאַצונגען און קלוגע פאָר־אויסזעאונגען פון אחד העם וועגן יידיש זיינען מקוים געוואָרן אויף אַזאַ טראַגישן אופן, וואָס ער האָט זיך ביט פאַרגעשטעלט. דאָס לשון איז אומגעקומען מיט די מילי־אָנען יידיש־רעדנדיקע מאַסן. אחד העם

(סוף אויף זייט 71)

## חיים קעניגער / פאַריז

***

ווען ס'קומט דער טאָג,
ברענגט ער, וואָס ער פאַרמאָגט.
איך זאָג אים: גוט מאָרגן,
ער וועט אפשר נישט פאַרשאַפן קיין זאָרגן?

ווען מיר לעבן צוזאַמען
ווי ביי דער מאַמען —
אַמאָל ווען ז'איז געווען בייז,
האָט זי זיך נישט געגרייסט.

אָנגענומען ביי דער האַנט
גוט, און מיט פאַרשטאַנד
צום האַרץ געדריקט
און מיין נשמה האָט געצוקט

אַזש געוויינט פון פרייד.
אַ מאַמע דאָך פאַרשטייט
ווען אַ קינד וויינט —
לייכטן די טרערן באַשיינט.

***

מיין בילד בצלם־אלוקים
קוקט אַראָפ פון דער וואַנט
בלאַס און שטום —
מיין לעבך אין געשטאַלט.

איך זוך פון געבורט די צייט
אין אָדערן פון גראַניט,
זי פילט מיין אָטעם און פאַרגייט
דעם וועג פון מיינע טריט.

איך זוך אין שיכטן פון אורשטיין
צעפאַלן אויפן אָרט —
צערטל די טיילן און פאַרשטיי:
די צייט האָט נישט אָפגעשפאָרט.

פון הימל־געוועלב אַ מעטעאָר אין שטויב
צעפאַלט
און די צייט אַרבעט, נעמט דורך
אין פעלד און פאָרמט אַ געשטאַלט
פון באַשאַף, אויפן אַנטיפאָד, אָן אַ שאָרד.

# מיין ברודער בינעם לעדערמאַן ע״ה

איך בין דער לעצטער לעבן־געבליבענער פון פינף ברידער — פיר פון זיי זיינען שוין אַוועק אין דער אייביקייט. די דריי ייִנגסטע ברידער: שואל, בינעם און מיכל זיינען געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אונטער איין דאַך, אין אַ קליין שטעטל: באָדזאַנאָוו, לעבן פלאָצק, פוילן, — אַ שטעטל וואָס האָט ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה געציילט 1623 יידישע נפשות. די פוילישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון איבער 3000 מענטשן. אין דעם קליינעם שטעטל האָט עקזיסטירט אַ רייך גייסטיק יידיש לעבן. עס האָט פאַרמאָגט אָרגאַניזאַציעס פון: „אגודת ישראל", „פועלי אמונת ישראל", „פועלי ציון", „בונד", „רעוויזיאָניסטן", „צוקונפט" און „בנות אגודת ישראל"; געווען דאָרטן דריי יידישע ביבליאָטעקן מיט איבער 5000 ביכער. אין דער „בית יעקב שול" האָבן געלערנט 85 מיידלעך; געווען אַ שטאָטישער בית־מדרש, אַ שיל פון „פועלי אמונת ישראל", אַ גערער שטיבל, אַ מנין פון האַנדווערקער־פאַראיין, און אַ גמילת־חסדים־קאַסע; און אַ פאָלקס־באַנק. הונדערט ייִנגלעך האָבן געלערנט אין עטלעכע חדרים. יעדן טאָג פלעגן פאַרקויפט ווערן פופציק עקזעמפּליאַרן פון וואַרשעווער „היינט", „מאָמענט" און „פאָלקס־צייטונג".

דער פאָטער אונדזערער, ר׳ יעקב לעדערמאַן, איז געווען אַ ייד אַ למדן, אין די יונגע יאָרן אַ גערער חסיד, שפּעטער אַ משכיל און אַ בעל־מנגן. מיר האָבן געהאַט אַ גאַלאַנטעריע־געוועלב, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן געפירט. אין דער יונגט איז דער טאַטע במשך אַ יאָר געווען אין לאָנדאָן, וווּ עס האָט געוווינט זיין שוועסטער. שפּעטער, פון 1908 ביז 1912, האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, וווהין ער האָט מיטגענומען די זיבן קינדער פון זיין ערשטער ווייב אסתר, וועלכע איז געשטאָרבן ביים געבוירן דאָס לעצטע קינד.

אונדזער מאַמע ברײנע, די ייִנגסטע שוועסטער פון זיין ערשטער פרוי, וואָס איז געווען אַ סך ייִנגער פון אים, איז געווען אַ שיינע פרוי מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער — אַן אמתע אשת־חיל. בעת דער טאַטע איז געווען במשך פיר יאָר אין אַמעריקע, האָט זי געקענט אי אָנפירן מיטן געוועלב, אי דערציען דריי ייִנגלעך אין עלטער פון 6, 4, און 2. זי פלעגט נאָך פון צייט צו צייט, פאָרן קיין וואַרשע און לאָדזש איינקויפן סחורה.

איך געדענק אַז אין יאָר 1910 האָט דער טאַטע געשיקט שיפסקאַרטן פאַר אונדז אַלע צו קומען קיין אַמעריקע; אָבער די מאַמע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן, ווייל... די קינדער וועלן דאָרטן אויסוואַקסן „גויים". איז דער טאַטע אַהיים־געקומען אין 1912.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מיר האָבן אַ סך צרות, איבערגעלעבט פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער רעגירונג — זי האָט אַלע יידן פון אונדזער געגנט אַרויסגעטריבן קיין וואַרשע; עפּידעמיעס פון וועלכע אַ סך זענען געשטאָרבן, און צווישן זיי מיין ייִנגסט שוועסטערל רעכעלע — נאָך די אַלע שווערע איבערלעבונגען איז שוין די מאַמע גרייט געווען צו פאָרן קיין אַמעריקע. אָבער אין 1919 איז דער טאַטע געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע, אין עלטער פון 57 יאָר.

מיין ברודער בינעם איז דעמאָלט אַלט געווען 15 יאָר. ער האָט ביז דעמאָלט זיך זייער גוט געלערנט; אַלע לערערס זיינע האָבן שטאַרק געלויבט זיינע פעיקייטן. אָבער פון איצט אָן איז ער געוואָרן אַן אויטאָ־דידאַקט. איך, דער עלטסטער פון די ברידער אין באָדזאַנאָוו, האָב אין 1921 עמיגרירט קיין אַמעריקע. איז בינעם, אין עלטער פון 17 יאָר, געוואָרן דער אפּוטרופּוס פון דער מאַמען און דעם ייִנגערן ברודער מיכל. שפּעטער אין לאָנדאָן, וווּ עס האָט געוווינט זיין האָט ער אויסגעברייטערט דאָס געוועלב, און איז געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער סוחר. גלייכצייטיק האָט ער אַ סך געלייענט, און איז געווען טעטיק אין דער קהילה, און אויך אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". ער איז געפאָרן עטלעכע מאָל

צו אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן אין וועלכע די „צוקונפט" און דער „בונד" האָבן זיך באַטייליקט. ער האָט חתונה געהאַט און איז געוואָרן אַ פֿאָטער פֿון צוויי קינדער — אַ ייִנגל און אַ מיידל.

די דאָזיקע רויִקע עקזיסטענץ האָט זיך ראַפּטאָם געענדיקט מיטן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, ווען היטלערס אַר־מייען זיינען אַריינגעדרונגען קיין פּוילן. בינעם איז געלאָפֿן צו מזרח, אין סאָוועט־רוסלאַנד, און איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן קיין קאַניבדאָם, טאַדזשיקיסטאַן... דאָ האָט ער געליטן הונגער און קראַנקהייט, אָבער ער איז אַרויסגעקומען פֿון דער מלחמה און חורבן אַ לעבעדיקער, און איז שפּע־טער רעפּאַטריאירט געוואָרן קיין פּוילן. ער איז געקומען „אַהיים", און נישט גע־פֿינענדיק קיינעם פֿון זיין פֿאַמיליע, האָט ער פֿאַרלאָזט דאָס גרויליקע לאַנד און איז אין 1947 אַוועק קיין פּאַריז. דאָ האָט ער געלערנט פֿראַנצויזיש, און גענו־מען קורסן אין ייִדישן לערער־סעמינאַר, וואָס ישראל עפּרויקין האָט געגרינדעט. ער איז געוואָרן אַ לערער אין דער ייִדי־שער שול אין פּאַריז. אין 1951 איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק, ווו זיינע דריי ברידער — איזידאָר, סעם לעדערמאַן, און שואל גוטמאַן — האָבן אים וואַרעם אויפֿ־גענומען.

אין 1958 האָט ער חתונה געהאַט מיט דער פֿרוי לאָרע, וועלכע האָט אים אַ יאָר שפּעטער פּרעזענטירט מיט זיין זייער גע־ראַטענער טאָכטער בינאַ — זיין טרייסט און שטאָלץ. דאָ האָט ער געוווינט און שפּעטער באַקומען אַ שטעלע ווי אַ פֿאַר־קויפֿער אין אַ גרויס געשעפֿט, אין דעם עמפּייער־סטייט „וואָלקן־קראַצער", אויפֿן דער פֿינפֿטער עוועניו. ביז מיט צוויי יאָר צוריק האָט ער דאָ געאַרבעט.

בינעם לעדערמאַן איז געווען אַ קולטור־מענטש מיט כאַראַקטער און איבערצייגונ־גען, און דערצו אַ „פֿאָטער־פֿיגור" פֿאַר די לעבן־געבליבענע קרובים און לאַנדס־לייט. עס האָט זיך געפֿאָדערט כאַראַק־טער צו קענען, נאָך זיינע טראַגישע אי־בערלעבונגען, אָנהייבן אויפֿסניי בויען אַ פֿאַמיליע, נאָכדעם ווי ער איז דורכגע־גאַנגען די טראַוומע פֿון זיין פֿאַמיליע, וואָס די דייטשן האָבן דערמאָרדעט. במשך די אַלע יאָרן אין ניו־יאָרק האָט ער גע־האַט קאָשמאַרן, פֿון דעסטוועגן האָט ער באַוויזן זיך צו שטעלן אויף די פֿיס..

ער איז געווען אין קאָנטאַקט מיט זיינע אַמאָליקע אידעאָלאָגישע חברים־בונדיסטן פֿון פּוילן, און פֿלעגט באַזוכן זייערע צענ־טראַלע אונטערנעמונגען. אָבער ער איז גלייכצייטיק געווען פּאָזיטיוו צו מדינת ישראל און שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין איר עקזיסטענץ. ער האָט עטלעכע מאָל באַזוכט ישראל און איז געווען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט אונדזער דאָרטיקער משפּחה און לאַנדסלייט. די קאַטאַקליז־מישע געשעענישן פֿון אונדזער עפּאָכע האָבן צעטרייסלט זיין גלויבן אין אַלע אוטאָפּיעס און איזמען. בינעם איז געווען אַ קולטור־מענטש, וואָס האָט נישט אויפֿ־געהערט צו לערנען און לייענען ביכער איבער געשיכטע, ייִדישע ליטעראַטור, און פֿעריאָדישע שריפֿטן אין עטלעכע שפּראַכן. ער איז אָפֿט געגאַנגען צו אויסשטעלונגען און מוזייען, צו קאָנ־צערטן, רעפֿעראַטן און סימפּאָזיומס.

פֿאַר דעם איבערבלייב פֿון אונדזער גרויסער משפּחה און לאַנדסלייט, וואָס זיינען געוואָרן צעשפּרייט אין קאַנאַדע, ישראל, פֿראַנקרייך, שוועדן, און אַמעריקע, איז ער געוואָרן אַ „פֿאָטער־פֿיגור"; ער האָט מיט זיי אָפֿט קאָרעספּאָנדירט; זיך געזאָרגט פֿאַר זיי, זיי אָפֿט באַזוכט, אויף בר־מצוות און חתונות, און האָט זיי געהאָלפֿן ווען זיי האָבן געדאַרפֿט הילף.

זאָל זיין אָנדענק זיין געבענטשט!

**שואל גוטמאַן**

---

מיר דריקן אויס טיפֿן מיטגעפֿיל
אונדזער חשבון מיטאַרבעטער
**ד"ר שואל גוטמאַן**
איבערן פֿריצייטיקן טויט פֿון זיין ברודער
**בינעם לעדערמאַן ע"ה**

רעדאַקציע און פֿאַרוואַלטונג
פֿון „חשבון"

---

## אויפן ראַנד

# „ניט דערזאָגט"

באַקומען דאָס נייעסטע בוך פונעם דיכטער פּרץ מיראַנסקי א.ב. „ניט דערזאָגט" און...נישט קיין משלים. געווינט צו קוויקן זיך מיט פּרץ מיראַנסקיס משלים, וועלכע דרוקן זיך פון צייט צו צייט אין „פאָרווערטס" און זענען צונויפגעזאַמלט אין זיינס אַ פריערדיקן בוך א.ב. „צווישן שמייכל און טרער". און דאָ אַ בוך פון קנאַפּע דריי הונדערט זייטן מיט לירישע לידער. איז עס פאַר מיר געווען אַן איבערראַשונג. פונקט אַזאַ איבערראַשונג איז פאַר מיר געווען ווען כ'האָב געלייענט צום ערשטן מאָל די לירישע לידער פונעם יידיש־פּוילישן דיכטער סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ, וועלכער איז דער עיקר באַקאַנט געווען ווי אַ סאַטיריקער, פון זיינע בייסיקע אַפאָריזמען און די בליציקע „נישט פאַרקעמטע געדאַנקען". אַזוי ווי לעץ, האָט אויך מיראַנסקי באַוויזן, אַז פונעם אַפאָריזם און משל ביז צום לירישן ליד איז נישט אַזאַ ווייטער מהלך. פאַרקערט, דער וועג איז גאָר אַ קורצער. אויב... אויב ער איז אויסגעפּלאַסטערט מיט טאַלאַנט. און טאַלאַנט האָט דער וואָס פאַרטיילט אים, נישט געקאַרגט פּרץ מיראַנסקין...

פּרץ מיראַנסקי, האָט שוין אין זיינע משלים באַוויזן, אַז ער איז אַ בן־בית אין דער וועלט פון געוויקסן און בעלי־חיים, פונקט ווי אין דער וועלט פון טויטע קעגנשטאַנדן, וועלכע ער איז אין שטאַנד צו באַלעבן מיטן כישופדיקן באַריר פון זיין פעדער. אָט די קענטעניש זיינע האָט ער מייסטעריש איבערגעטראָגן אין דער ספערע פון לירישן ליד. און הגם דאָ און דאָרט הערשן אַנדערע געזעצן, איז אָבער פאַר מיראַנסקין אין געזעץ אַלמעכטיק. עס איז דאָס געזעץ פון קלאָרקייט. אָט ווי ער דריקט זיך אויס דערוועגן אין „אַ ליד צו זיך":

„זע, דיין ליד זאָל האָבן חלום,
וועט דיין חלום ווערן וואָר.
זע, דיין ליד און די משלים
זאָלן ווי אַ קוואַל זיין קלאָר."

אָט די קוואַליקע קלאָרקייט פילט זיך סיי אין מיראַנסקיס משלים, סיי אין זיין לירישן ליד. צייטנוויז קוועלט די ליריק אַרויס פון זיין משל און עס פאַרווישט זיך שיעור נישט די גרענעץ, ווי אינעם אַריינפיר צו זיין משל א.ב. „אַ בלימעלע" און אין פיל אַנדערע:

„פרילינג,
הימלבלוי
און גרין,
זון אין אַלע שויבן.
קושט אַ בלימעלע, אַ בין,
זאַמלט אירע שטויבן..."

פון אָט דעם „בלימעלע" ביז די „גרינע לידער", וואָס פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין פּרץ מיראַנסקיס בוך „ניט דערזאָגט", פירט אַ גראַדער וועג. צייטנוויז הערסטו אין זיי אַ ווייטן אָפּקלאַנג פון זיין יונגווילנער חבר אלחנן וואָגלער, וועלכער איז ווי קיינער פון אָט דער גרופּע געווען פאַרחברט מיט דער נאַטור און האָט אַרומגעוואָגלט אין דער וועלט פון דעם גרויסן מעטאַפאָר. נאָר דאָס איז בלויז אַ ווייטער אָפּקלאַנג. פּרץ מיראַנסקי איז קאָנקרעט, אָריגינעל און אייגנאַרטיק אין זיין בילדלעכקייט, אין זיין אופן פון זען און אויפנעמען די אַרומיקע וועלט. אפילו זיין מעלאָדיע איז אַן אייגנאַרטיקע סיי אינעם קורצן ליד מיט אָפּגעהאַקטע שורות, סיי אינעם ברייט־אָטעמדיקן פערז:

„אַ נסתר האָט די בלאָנדע צעפּ פון קראַנקער זון צעפלאָכטן
און האָט צעשאָטן זיי אויף דר'ערד ווי גינגאָלדיקע פונקען,
אַ ווייסער וואָלקן האָט פאַרנאַכט פון ליבע זיך געשאָכטן,
האָט זיך די זון פאַר קלעמעניש אין ים פון בלוט דערטרונקען."

אַ נסתר.

אויבאויפיק איז עס נאָך איין נאַטור־בילד געמאָלן אין טראַגישע טענער. אָבער פאַרטראַכט מען זיך טיפער און מען לייענט זיך אַריין אין די שורות, קומט אויף פאַר אייך אַ טיפערע טראַגיק, די טראַגיק פון אונדזער היינטיקער וועלט וועמען עס דראָט „אין ים פון בלוט דערטרונקען" ווערן. . . .

נאָר ביין, פרץ מיראַנסקי, דער דיכטער, וואָס האָט שטענדיק פאַר אייך אַ גוט, קלוג וואָרט אין זיין משל, איז בדרך כלל נישט קיין פעסימיסט אויך אין זיין לירישן ליד. וועגן דעם זאָגט עדות דער לעצטער אָפּטייל אינעם בוך א.ג. „שיר השירים". דאָס זענען, פאַרשטייט זיך, ליבע־לידער. און הגם זייער שעפער האָט שוין לאַנג הינטער זיך די „ערשטע יוגנט", אָטעמען זיי, אָט די לידער, מיט יונגקייט און פרישקייט, מיט שפּילעוודיקייט און טיפן ערנסט גלייכצייטיק. אָט ווי אַ שטייגער אינעם ליד „דו וואָס שמעקסט":

„דו, וואָס שמעקסט מיט מייען
און וואָס קושט עקזאַלטיק,
האָב מיך ליב אין דרייען,
ווייל כ'בין דריי־געשטאַלטיק.

אין מיין בלויען אומעט,
שאָטנדיק באַהאַלטן,
דרייען זיך אַרומעט
תמיד דריי געשטאַלטן,

אַ בעל־משל קלוגער,
אַ פּאָעט אין טרערן
און אַ קליינטשיק ייִנגל,
וואָס קאָן אַלט ניט ווערן."

אָט אַזאַ איז ער, דער פּאָעט פרץ מיראַנסקי, וואָס האָט זיינע ערשטע דיכטערישע טריט געשטעלט אין ירושלים ד'ליטע צוזאַמען מיט די יונג־ווילנער, און איז שפּעטער פאַרוואָגלט געוואָרן אַזש קיין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע. בעסער פאַרשטעלן אים איז נישט שייך. . .

## „מיט זיך און מיט אַנדערע"

אַזוי הייסט דאָס לעצטע בוך פונעם דיכטער, עסייאיסט, פובליציסט און געזעלשאַפטלעכן טוער דוד ספּאַרד, וואָס איז פאַריקן יאָר דערשינען אין ישראל אַ דאַנק די באַמיונגען פון זיין אַלמנה, ריווע ספּאַרד, און מיט דער מיטהילף פון ירושלימער בוך־קאָמיטעט און בוך־קאָמיטעטן אין אייניקע לענדער, ווו דער דיכטער האָט געהאַט גרויס אָנזען. דאָס בוך באַשטייט פון צוויי טיילן: אַן אויטאָביאָגראַפיע, וואָס פאַרנעמט אַן ערך אַ העלפט פון די איבער פינף הונדערט זייטן, און עסייען־אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ווערק, דער עיקר געשריבענע אין ישראל, ווו דוד ספּאַרד האָט געלעבט די לעצטע יאָרן נאָכן פאַרלאָזן פוילן, ביז זיין טויט אין יאָר 1981. פאַראַן אויך אַ צאָל לידער פון זיין עזבון.

לייענענדיק דאָס בוך האָט זיך מיר אָפט מאָל געדאַכט, אַז נישט קיין לייענער בין איך, נאָר אַ צוהערער. אָט זיץ איך ווידער מיט דוד ספּאַרדן, דעם וווּנדערלעכן שמועסער, אין זיין רעדאַקציע־צימער, פון הינטער די דיקע ברילן־גלעזער קוקן אַרויס זיינע גוטע קלוגע אויגן, און ער רעדט, דערציילט — פון אַמאָל און פון איצט. . . אַן אַנדערש מאָל באַמיט ער זיך מיך איבערצייגן אין עפּעס און איך ווער זיך מיט אַלע מיינע כוחות, וויסנדיק, אַז דער גערעכטער בין איך. נאָר סיי־ווי קומט ער אַרויס דער גערעכטער, ווייל אַזאַ איז געווען זיין איבערצייגונגס־קראַפט.

צי געלינגט אים אויך דאָס מאָל איבערצוצייגן דעם לייענער אַז זיין פאַרבינדונג מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג האָט געמוזט זיך אויפלייזן ערשט בעת דער גרויסער ערד־ציטערניש פון גאָמולקאָס אַנטיסעמיטיזם אין פוילן פון יאָר 1968, ווייס איך נישט. איין זאַך ווייס איך אָבער יאָ, אַז דאָס בוך לייענט זיך מיט געוואַלדיקן אינטערעס. עס איז אַ פּאָליטישע אויטאָביאָגראַפיע פון אַ מענטשן — אַ שרייבער און געזעלשאַפטלעכן טוער — ווו צייטנווייז וועגט איבער דער סענסיטיווער דיכטער, און צייטנווייז — דער קלוגער פּאָליטיקער. אָבער אַלע מאָל פילט זיך אַרויס די טיפע אויפריכטיקייט, פאַרבונדנקייט און איבערגעגעבנקייט צום יידישן פאָלק פון וועמענס טיפענישן דוד ספּאַרד איז געקומען און וועמענס

ירושה ער האָט הייליק געטראָגן אין זיך און מיט זיך אין אַלע צייטן און אין אַלע באַדינגונגען.

גייען מיר מיטן מחבר דעם ווייטן וועג פון זיין היים־שטעטעלע אָזעריאַן וואָס אין וואָלין, ביז וואַרשע, באַנסי, אין פראַנקרייך, און צוריק אין וואַרשע, דורך ביאַליסטאָק, אַלמאַ־אַטאַ, מאָסקווע און ווידער וואַרשע. אויף אָט דעם וועג באַגעגענען מיר אָן אַ שיעור געשטאַלטן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אינעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן; פירער פון יידישע פּאַרטייען, שרייבער, קינסטלער און קודם כל דעם מחבר אַליין, וועלכער זעט און שילדערט זיך אַליין און די „אַנדערע". מיר דערקענען זיי אין זייערע טראַכטונגען און האַנדלונגען.

ביז גאָר אינטערעסאַנט זענען די שילדערונגען פונעם יידישן ליטעראַטן־פּאַראיין אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע (טלאָמאַצקע 13), וווּ דוד ספּאַרד איז אַ געוויסע צייט געווען וויצע־פּאַרזיצער; פון די אינערלעכע פאַרהעלטענישן אין דער רעדאַקציע פון דער לינקער טאָג־צייטונג אין וואַרשע „פריינד"; פון די צוזאַמענטרעפן מיט יידישע סאָוועטישע שרייבער אין מאָסקווע. מיט אייניקע שטריכן ברענגט דוד ספּאַרד אָפּט מאָל אַרויס דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן כאַראַקטער פון אַ מענטשן, ווי למשל אַזאַ שילדערונג פון אַלטער קאַציזנע: „מיך האָט צוגעצויגן זיין שטורעמדיקע נאַטור און די שנעלע ענדערונגען אין זיין שטימונג פון עקסטרעמער פריילעכקייט צו שווערער דעפּרעסיע, פון אויסערגעוויינלעכער העפלעכקייט און פריינדלעכקייט צו שוויגנדיקער איינגעשלאָסנקייט אין זיך, פון אינטימער צוגעלאָזנקייט צו פרעמדקייט און פון איבערגעטריבענער זיכערקייט אין זיך צו אַבסאָלוטער קינדערישער הילפלאָזיקייט."

אָן שום ספק האָט אָט די קענטעניש פונעם מענטשן פיל בייגעטראָגן צו דוד ספּאַרדס טרעפלעכער אָפּשאַצונג פון אַ שרייבער, ווי מיר זעען עס אינעם צווייטן טייל פונעם בוך, אין זיינע עסייען.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער אינערלעכער געראַנגל פונעם ייד־קאָמוניסט, וועלכער פילט און זעט די עוולות וואָס ווערן באַגאַנגען לגבי זיין פאָלק און צייטנווייז פאַרמאַכט ער דערויף די אויגן אין נאָמען פונעם „העכערן אידעאַל".

דוד ספּאַרד האָט געהערט צו דער אָנפירונג פונעם יידישן ישוב אינעם קאָמוניסטישן פוילן ביזן יאָר 1968 און זיינע שילדערונגען פון יענעם פּעריאָד מיט אַלע זיינע אויפשטייגן און ירידות, באַזונדערס אין דער קולטור־בויונג, זענען פון אומשאַצלעכן ווערט פאַרן צוקונפטיקן געשיכטע־פאָרשער. ווייל פּאַקטיש איז שוין דאָס קאַפּיטל אָן אָפּגעשלאָסנס. און אַזוי אויך שליסט דוד ספּאַרד זיין אויטאָביאָגראַפיע.

... אונטערן דרוק פון דער אַנטיסעמיטישער העצע מצד דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און רעגירונג אין פוילן, איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן די אָנפירונג פונעם דאָרטיקן יידישן ישוב, פון דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, וואָס איז געצווּנגען געוואָרן צו פאַרעפנטלעכן אַ דעקלאַראַציע וועגן פאַראורטיילן די „אַגרעסיע" פון מדינת ישראל אין יאָר 1967. דוד ספּאַרד האָט די דעקלאַראַציע נישט אונטערגעשריבן.

„מיט דעם טרויעריקן אַקאָרד — שרייבט דער מחבר — האָט זיך פאַרענדיקט מיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, וועלכע איך האָב אָנגעהויבן נאָך אין מיין יוגנט מיט אַזוי פיל התלהבות און האָפענונג. ער האָט פאַרגעשטעלט נישט בלויז דעם חורבן פון מיין אייגן לעבן, נאָר אויך דעם אַבסאָלוטן חורבן און צעפאַל פון די אידעען, וועלכע זענען פאַר מיר און הונדערטער טויזנטער ווי מיר געווען דער עמוד־האש, וואָס האָט באַדאַרפט באַלייכטן דעם וועג צו דער אויסלייזונג פון אונדזער יידישן פאָלק."

דערויף האָט דער מחבר געשטעלט אַ פונקט. אָבער דאָס איז ווייט נישט געווען דער אַקאָרד. עדות דערויף זענען די איבער צען יאָר שרייבערישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, וואָס דוד ספּאַרד האָט אַנטוויקלט אין מדינת ישראל און וואָס דער פריצייטיקער טויט האָט אַזוי טראַגיש איבערגעריסן.

מ. ש.

# כראָניק פון ל. א. יידישן קולטור-קלוב

דער לאָס אַנדזשעלעסער יידישער קול-טור-קלוב, וועלכער איז שוין אַריין אין 59טן יאָר פון זיין עקזיסטענץ און וואָס איז ברייט באַקאַנט מיט זיינע ליטעראַרי-שע און מוזיקאַלישע קולטור-פּראָגראַמען, האָט, ווי אַלע יאָר, אָנגעפאַנגען זיין טעטיקייט פאַרן יאָר 1984-85, גלייך נאָך סוכות:

1) שבת צו נאַכט, אָקטאָבער 20, האָט באַשע וואַנאַמייקער פאָרגעלייענט פון די ליטעראַרישע שאַפונגען פון יעקב פריד-מאַן. איזאַבעל קאַץ איז אויפגעטראָטן אין אַ צאָל יידישע און העברעישע לידער.

2) שבת צונאַכט, אָקטאָבער 27, האָט נתן גיעראַוויטש דערציילט וועגן אַ באַזוך אין רוסלאַנד, באַגעגענישן מיט „רעפיוז-ניקעס" און סתם יידן. אין מוזיקאַלישן טייל: אַלעקסאַנדער רובינשטיין, טשעלאָ.

3) שבת צונאַכט, נאָוועמבער 10, מנחם קאַרסאַן האָט גערעדט אויף דער טעמע: „די משיח-אידעע ביי יידן און פאַלשע משיחים."

4) שבת צונאַכט, נאָוו. 10 — לילקע מייזנער: „דער נסתר (פּינחס קאַהאַנאָ-וויטש) צו זיין הונדערטסטן געבוירן-יאָר." אין דער מוזיקאַלישער פּראָגראַם: יו-דזשין בעלאַקאַן, פון דער לענינגראַדער פילהאַרמאָניע.

5) שבת צונאַכט, נאָוו. 24 — די לעצטע פּרעזידענט-וואַלן, וואָס מיינט עס פאַר אונדז אַמעריקאַנער בירגער? אַלס יידן? אַלס שטיצער פון מדינת ישראל? אַ שמו-עס מיט פיר פּאַנעליסטן: מאַקס אַלפער, מרים הערבסט, מענדל סלוצקי און דוד שרגא. דער מאָדערייטאָר: משה כהן.

6) שבת צונאַכט, דעצעמבער 1 — דער ריכטער משה שקליאַר האָט רעפערירט וועגן: „די טראַגישע פּראָצעסיע פון דיכ-טער דוד האָפשטיין". אין דער מוזיקאַלי-שער פּראָגראַם: דוד קיילער, געזאַנג; בערניס אַשדאַן, פּיאַנאָ.

7) שבת אָוונט, דעצ. 8 — הרב ד"ר זלמן יורי. זיין טעמע: די מוסר-באַוועגונג — מענטשלעכקייט, ערלעכקייט, פרומ-קייט; רבי ישראל סאַלאַנטער — אַ גייס-טיקער ריז. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: איזאַבעל קעץ.

8) שבת אָוונט, דעצעמב. 2 — ישראל גובקין האָט גערעדט וועגן אונדזער בן-עיר, דעם דיכטער ה. רויזענבלאַט — אַן אַריינבליק אין זיין לעבן און שאַפן. משה כהן האָט רעציטירט פון דעם דיכטערס לידער.

9) שבת אָוונט, דעצ. 22 — אַ חנוכה אָוונט. שרה ליינער האָט גערעדט אויף דער טעמע: אָלימפּוס ווערסוס סיני; חנוכה-לידער אויסגעפירט פון דאָראָטי סאָלאָמאָן.

10) שבת אָוונט, 29טן דעצעמבער — נתן גיעראַוויטש, דעלעגאַט צו דער יידי-יידישער קאָנפערענץ אין טאָראָנטאָ. זיין טעמע: „אַמעריקאַנער יידנטום אין קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט." מוזיקאַלישע פּראָגראַם: אַלעקסאַנדער רובינשטיין, טשעלאָ.

## 1985

11) שבת אָוונט, יאַנואַר 5 — אַן אָפּ-שאַץ פון דעם פּאָעט און משלים-שרייבער פון דער גרופּע „יונג ווילנע", פּרץ מיראַנסקי, האָט געגעבן סערגיי נוטקע-וויטש און דער פּאָעט משה שקליאַר.

12) שבת אָוונט, יאַנ. 12 — לכבוד דעם 125טן געבוירן-יאָר פון שלום עליכם — פאַרלייענונגען פון מאָטל האָראָוויטש, דאַן סניידער, געזאַנג; בערניס אַשדאַן, פּיאַנאָ.

13) שבת אָוונט, יאַנ. 19 — הונדערט טעג פון דער געאייניקטער רעגירונג אין ישראל, בראש מיט שמעון פרס — וואָס קענען מיר לערנען פון דעם? וואָס זיינען די אויסזיכטן פאַר אַ בעסערער עקאָנאָ-מיע? די מלחמה אין לבנון? די און אַנ-

דערע פראַגן האָט באַהאַנדלט בערנאַרד ווייסבערג, אויספיר־דירעקטאָר פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד.

14) שבת אָוונט, יאַנ. 26 — זיבעציק יאָר נאָך פרצן, דער פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — אַן אָפּשאַצונג וועגן אים האָט געגעבן ישראל גובקין; אויך אַ פּאָר פאָרלייענונגען.

15) שבת אָוונט, פעברואַר 2 — רבי מאַרווין באַרנשטיין — די טעמע: „די ביבלישע נביאים אין אונדזער מאָדערנער צייט." אַ מוזיקאַלישע פּראָגראַם: סידאָר בעלעאַרסקי ע"ה אויף פּלאַטעס.

16) שבת אָוונט, פעב. 9 — שאַפונגען פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, געלייענט פון באַשע וואַנאַמייקער. אַ מוזיקאַלישע פּראָגראַם: ריטשאַרד טאַקער ע"ה אויף פּלאַטעס.

17) אַ געדענק־אָוונט לזכר ד"ר באַרבאַראַ מייערהאָף, די באַקאַנטע גערענטאָלאָגין, וועלכע האָט געשאַפן דעם פילם „נאָמבער אָור דעיס." מיט אָפּשאַצונגען זיינען אַרויסגעטראָטן סערגיי נוטקעוויטש און אַ פריינד פון דער פאַרשטאָרבענער מאַרי ראָזען.

18) שבת אָוונט, פעב. 25 — „דער יידישער מעצענאַט מיט די פאַרלאַטעטע הויזן" — אַ „מזמור צו ווילי שאַר", וועלכער האָט אונדז פאַרלאָזן אין דעם רייפן עלטער פון הונדערט יאָר. עס האָבן זיך באַטייליקט: ד"ר אברהם זיגלבוים, סימע קאַרפּ־לעפּקאָוויטש, ראָמאַ קאָטש און משה כהן.

19) שבת אָוונט, מערץ 2 — וועגן דעם דיכטער אברהם ליעסין, לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט", האָט גערעדט ישראל גובקין אויף דער טעמע: „נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון אין זיין שאַפונג. מוזיקאַלישע פּראָגראַם: אַלעקסאַנדער רובינשטיין, טשעלאָ.

20־21) שבת אָוונט, מערץ 9 און מערץ 16 — איז אויפגעטראָטן אַ גאַסט פון ישראל, די גוט־באַקאַנטע רעציטאַטאָרין און אויסטייטשערין פון בעסערן יידישן וואָרט הדסה קעסטין. אירע פּראָגראַמען האָבן זייער אויסגענומען.

* * * * *

די פאַרוואַלטונג פון קלוב באַשטייט פון: משה כהן, פאַרזיצער; אלימלך דייטש און שלמה צוקערמאַן, וויצע־פאַרזיצערס; מענדל סלוצקי, קאַסירער; רחל סלוצקי, סעקרעטאַרין; בעלאַ פאַזי, מרים הערבסט, הענעך בערמאַן, גרשון פרידמאַן, און יעקב שייפער, מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג.

**י. ש.**

(חנן קיעל — סוף פון זייט 63)

האָט אויך ניט פאַרויסגעזען דעם אויפקום פון דער מדינה. דווקא אין די ראַמען פון דער מדינה האָט דער וווּנדערלעכער אידעאַל פון מרכז רוחני די בעסטע שאַנסן פאַרווירקלעכט צו ווערן.

די פּאָזיטיווע באַציונג פון די יוצאי מן הכלל, פאַראַנטוואָרטלעכע פּערזענלעכקייטן אין דער מדינה צום יידישן לשון, קולטור און רייכער שאַפערישער ליטעראַטור, די גרויסע זאָרג און ליבשאַפט פון די תפוצות צו דער מדינה, ברענגט צו דער מסקנה, אַז ישראל קען ווערן ניט נאָר אַ קיבוץ גלויות, נאָר אויך אַ נאַטירלעכער מרכז־רוחני פון יידישן פאָלק און אַלע זיינע שאַפערישע קולטור־כוחות, וואָס דאָס איז די עצמדיקע השקפה פון אחד העם.

# נייע ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע

**דוד ספאַרד:** „מיט זיך און מיט אַנדערע" — אויטאָביאָגראַפיע און ליטע־ראַרישע עסייען. 540 זייטן. פאַרלאַג „ירושלימער אַלמאַנאַך" 1984. אינעם בוך קומט אויך אַריין אַ ציקל לידער פונעם דיכטערס עזבון. דאָס בוך איז פאַר־זען מיט אַ בליד פון מחבר און אַן אַריינ־פיר פון עלי שעכטמאַן.

* * * * *

**פרץ מיראַנסקי:** „ניט דערזאָגט" — לידער. 268 זייטן. פאַרלאַג „י. ל. פרץ" 1983. פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפּטיילן: אין שאָטן פון בעכטן; ווערטערשאַץ; שאָפערס; פון מיין אייגנס; די שטילקייט רעדט; גרינע לידער; שיר השירים.

* * * * *

**אליעזר פּאָדריאַטשיק:** „שמועסן מיט אַנדערע און מיט זיך" — זכרונות און רעיונות. 248 זייטן. „ה. לייוויק פאַר־לאַג", תל־אביב 1984. פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר. אינעם קורצן אַריינ־פיר צום בוך שרייבט דער מחבר צווו. אַנד: „דאָס דאָזיקע בוך דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ המשך פון מיין פריערדיקן בוך „אין פּראָפיל פון צייטן"... דער אונטערשייד צווישןביידע ביכער באַשטייט אין דעם, וואָס אין פריערדיקן בוך איז מיין עיקר־כוונה געווען נאָכשפירן דעם אַלגעמיינעם יידיש־אַטאַוויסטישן גייסט, וואָס גיט זיך איבער דורך פאַרהוילענע קאַנאַלן מדור לדור. אין דעם איצטיקן בוך בין איך אויסן געווען אויסקלאָרן ווי דער דאָזיקער גייסט האָט זיך געשטאַלטיקט אין דעם אינדיווידועלן שאַפן פון פון פאַרשיידענע שאַפערס."

* * * * *

**חיים פלאָטקין:** „מיט אָפענע אויגן", פאַרלאַג „י. ל. פרץ" 1984. אינעם בוך (308 זייטן) קומען אַריין לידער, וועלכע דער מחבר האָט געשאַפן פאַר די לעצטע יאָרן. פאַראַן אַ פּאָרטרעט פון מחבר און אייניקע צייכענונגען פון נעמי ק. פלאָטקין ווי אויך צייכענונגען פון יאַני פיין. אינעם בוך קומען אַריין פאָלגנדיקע אָפּטיילן: דער פּאַספּאָרט; אַש אויף דער זון; פון יענע טעג; אין מיין גאָרטן; פונעם פולן בעכער; גאָענט צו מיין שוועל; איך זוך; ווייט פון שטאָט.

דאָס איז דאָס צווייטע לידער־בוך פו־נעם דיכטער חיים פלאָטקין, וועלכער לעבט אין ניו־יאָרק.

* * * * *

**חיים קעניגער:** „פון פיר זייטן" — לידער, פּאַריז, 1984. 144 זייטן. פּאָרט־רעט פון מחבר. אינעם בוך קומען אַריין לידער, וואָס דער מחבר האָט געשריבן צווישן די יאָרן 1940-1984. אין דער הקדמה צום בוך שרייבט יצחק ניבאָרסקי: „אין חיים קעניגערס סטראָפן דערגייען צו אונדז די נשמה־וויבראַציעס פון אַן איידעלן קינסטלער, פון אַ שווער־אויס־געפּרוּווטן הייגטצייטיקן יידן וואָס האָט געלאָזט אויפבליען אין לידער זיין אמתן דאָרשט נאָך עטישער און עסטעטישער טרייסט."

* * * * *

**שיע טענענבוים:** „פון אַש און פייער איז דיין קרוין". עסייען, דערציילונגען, זכרונות. פאַרלאַג „ציקאָ", ניו־יאָרק, 1984. 510 זייטן. חוץ אַ צאָל עסייען און זכרונות וועגן שרייבער און קינסט־לער, רופן אַרויס אַ באַזונדערן אינטערעס ש. טענענבוימס אויטאָביאָגראַפישע דער־ציילונגען, וואָס פאַרנעמען אינעם בוך אַן ערך 150 זייטן.

---

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן „חשבון". אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

**די פאַרוואַלטונג**